TOWER HAMLETS LIBRARIES

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־4 (העפט 434־6) נײַן און צוואנציקסטן יאר פעב.־אפר. 1968 לאנדאן

## אינהאלט:

| | | |
|---|---|---|
| על רגל אחת, 19'טער אפריל 1968, אזא פסח־באלאדע הײַאר | *** | 1 |
| די עקשנות פון פרעה (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 12 |
| פאר א געפאלענעם העלד (ליד) | דוד בערמאן | 17 |
| איך זיפץ אין דער שטיל (ליד) | ה. פאצאנאווסקי | 18 |
| ישראל (ליד) | קאזשימיעזש וויעזשינסקי | 18 |
| יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן (ב. הרב הגאון ר' אברהם אבא ווערנער רב דמחזיקי הדת בלונדון) | ח. נ. בענקוויטש | 19 |
| פרעגסט ווי איז מײַן לעבן? (ליד) | שמואל וההייט | 19 |
| שיינדל (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 20 |
| דר. עליאשאוו (פראזע) | א. נ. שטענצל | 20 |
| א שטילקייט נאכן געוויטער | עלען ווינאגראד | 28 |
| ווייטשעפל (ליד) | יוסף הלל לעווי | 31 |
| מנשה ווייסגראז — א בן שמונים | אייזיק גאלדבערג | 31 |
| דריי צייט לידער (די הגדה, גאמולקא, „זיין אדער נישט זיין דאס איז די פראגע" | ש. | 32 |
| יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס | | 36 |
| יידישע קולטור ידיעות | | |

### יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראַציע:—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־6 (העפט 437־8) נײַן און צוואנציקסטן יאר מאי־יוני 1968 לאנדאן

## אינהאלט

| | | |
|---|---|---|
| לכבוד שבועות תשכ"ח, פרילינג 1968 | | 1 |
| די היסטארישע נאוועלע — רות (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 7 |
| א ישראל פאלקס ליד (ליד) | דוד בערמאן | 12 |
| צוואנציק יאר מדינת־ישראל (רעפעראט) | י. געווירץ | 13 |
| דער ווייטער בליק (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 15 |
| קארביד אש (דערציילונג) | רחמיאל פעלדמאן | 16 |
| נויט (ליד) | שמואל וההייט | 19 |
| ... „הערן שריפטשטעלער" (פראזע) | א. נ. שטענצל | 20 |
| יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן | ח. נ. בענקוויטש | 27 |
| צו מאקסים גארקי'ס 100סטן געבוירן יאר | משה דאמב | 28 |
| 25 יאר נאכן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא | מאיר באגדאנסקי | 30 |
| ארטור זיגלבוים (אויסצוג פון א רעדע) | סעם לעף | 33 |
| וואס געגנוג איז געגנוג (ליד) | עלע זילבערג | 34 |
| לאנדאנער קולטור ידיעות | | |
| יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס | | |

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראַציע:—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־6 (העפט 437־8) ניין און צוואנציקסטן יאר מאי־יוני 1968 לאנדאן

## לכבוד שבועות תשכ״ח

לוחות־הברית

1

שלאגט מען נישט פונקען פון שטיין ארויס ?
פייערדיקע פינקען אות נאך אות !
פון פלאמען ווערטער צונויפגעשטעלט,
דעם פעסטן פונדאמנט פון דער וועלט.

ווארט אויפגעבליצט טיף אין שטיין געקריצט —
דער פונדאמענט פון אלצדינג ביז איצט !
ציט מען ארויס פון יסוד איין שטיין,
פאלט דער גאנצער בנין דעמלט איין.

יא, ס׳ווערט פעלדז א מים־חיים־קוואל,
פינסטערסטער הימל צעטריפט מיט טל —
ווען ווארט צו ווארט צעקלינגטער טראפ ווערט,
געזאנג איבער גארער ערד זיך הערט.

און צום טראפ ברומט צו „דער גרויסער בער״ !
אין הימל זינגען די שטערן, הער,
ארום טריפנדיקן „מזל־דלי״,
די שעפעלעך סטאדעס אויף די קני — —

פעלט דאס הארץ אין ווארט — דער פונק, דער טראפ,
מעטעארן פאלן זיי אראפ.
א בבל־טורעם ווערטער צעמישט,
און די גאנצע ערד ווערט אפגעווישט.

2

פון די שטיינער אונז נאכגעווארפענע,
אויפגעשטעלט געווארן די געטא־ווענט,
און מיטן בלוט אונזערס, פארגאסענעם,
געשריבן מיט לעצטן ציטער פון הענט.

ווער קען זיי לייענען די אותיות,
און די ווערטער, אז ווער קאן זיי פארשטיין,

## לאנדאנער קולטור ידיעות

ביי דער גרויסער אלגעמיינער הזכרה אין ראיאל טעאטער, דרורי לען לכבוד דער ווארשעווער געטא אויפשטאנט האט די באקאנטע אקטריסע חנהלע צעלניקער רעציטירט אין יידיש.

ביי דער געטא־פייערונג פון פריינט פון יידיש לשון, דעם בונט און דעם „רידינג־רום״ האט די הזכרה געמאכט דער באקאנטער אקטיאר לעאן בלומענזאן גערעדט האבן סעם לעף מאיר באגדאנסקי, רעציטירט נעט רובין, אייזיק גאלדבערג.

ס׳איז דערשינען א בוך פון י. א. ליסקי געזאנגען צו מדינת ישראל (צום צוואנציקסטן טאג פון אונזער אומאפהענגיקייט).

מיכאל זילבערגערג האט מיטגעמאכט א שווערקע קראנקייט, ער איז יעצט אויף קאנוואלעסן מיר ווינטשן א רפואה שלימה.

אויף אן אוונט פון יידישער הומאר״ איינגעארדנט פון דער קולטור געזעלשאפט האבן גערעדט דר. מאיר גערטנער און י. ח. קלינגער געליינט און רעציטיר האט דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג.

אויף דער לאנדאנער טעלעוויזיע איז אין טאג פון יום העצמאות געווען געווידמעט א פראגראם לכבוד דער יום־טוב, האט מען אויך געזען א סצענע פון אברהם גאלדפאדן אויפגעפירט פון די יידישע חברים גרופע פון גרענד פאלעי טאטער ווו ס׳האבן זיך בעיקר באטייליקט די גוט באקאנטע אקטיארן : אריעל, מענדעלאוויטש, פרוי סיגאל.

ביי דער פערגאנגענער לעבעדיקע צייטונג האבן זיך באטייליקט י. געווירץ, יעקב זאנטאג י. נאטאני, מר זעמעל. פארזיץ יוסף פרענקל.

רחמיאל פעלדמאן דער מחבר פון „שווארץ און ווייס״ פונם איינציק־ארטיקן בוך איבער דער ראסן פראגע אין דער יידישן ליטעראטור, אין פערגאנגענעם חודש געשטארבן אין יאהאנוסבורג. די טעמא איז נאך אקטועל.

מיר דריקן אן אין היינטיקן נומער ל. א. ל. א דערציילונג און מיר דריקן אויך אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער משפחה פונם נפטר דעם שרייבער ליידל פעלדמאן, דר. זלמן פעלדמאן, די שוועסטער רחל און איר מאן דר. דזשעק זיידל.

פראפעסאר מיכאל יוסף איז דא אויף א באזוך אין לאנדאן, ער אויפגעטרעטן מיט א רעפעראט ביי א זיצונג פונם וועלט־פערבאנד פון יידישע זשורנאליסטן, ענגלישע אפטיילונג און אויך ביי דער פערגאנגענער לעבעדיקע צייטונג.

דר. יעקב מייטליס איז געווען פארבעטן פון יידישן פאלקס אוניווערזיטעט אין פאריז ווו ער האט געגעבן צוויי לעקציעס : „דרייסיק דורות פוילישע יידן אין רעליגיע״ און „וועלטלכע ליטעראטור ביי יידן״. אינם שרייבער־פעראיין אין פאריז האט געהאלטן א רעפעראט : „חסידות און השכלה״. דער גאסט־רעדנער איז אויך אויפגענומען ביי א קבלת פנים, ביי די זאגלעמביער לאנדסמאנשאפטן.

אין ארבעטער־רינג איז אנגעמערקט געווארן די צווייטע יארצייט פון פארשטארבענעם ארבעטער־און קולטור־טוער עלעק יואטערמאן מיט א עפעראט פונם עם פי אורבאך, דעם פארזיץ האט געפירט דער פארזיצער פונם ארבעטער־רינג ח. פילטשיק.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

איינלאדונג צו אונזער **לעבעדיקע צייטונג** וואס וועט פארקומען

זונטיק, דעם 16־טן יוני, 1968, פונקט 4 א זייגער

אין 21 DEAN STREET, LONDON, W.1

אונטער דער רעדאקציע פון יוסף פרענקל

1. די דיינאמיק פום יידישען שטעטל — ד״ר מנחם מ. ערנסט
2. דער יידישער וויץ — ד״ר י. זיידעל

צום דערשיינען פון „געזאנגען צו מדינת ישראל״ פון י. א. ליסקי

באגריסונגען פון

ש. גאלדשמידט, ד״ר מאיר גערטנער און פרא. ד. דירינגער

איינטריט פריי — קומט אין צייט

מיטן רויך אין הימל אויפגעגאנגען ?
א חוץ אפשר טאקע שוין גאט אליין !

פון די ברענענדיקע קרעמאטאריעס,
פון קוימען אויפגעגאנגען קינד און קייט —
רינג אין רינגל אותיות געקייטלט,
אן אויסגעלייטערטע גאלדענע קייט :

דאס וויגנליד פאר מלאכים־קינדער,
אונזערע טויזנט און איין יידיש ליד,
די מעשיות מיטן טראפ גאט אליין לייענט —
ביים מעביר־סדרה זיין א פרומער ייד.

ווי זידיק בלוטיק עס טראפט דער „פזר" —
ער דרייט זיך א לדור־דורות געוויין !
און פונם שלשלתדיקן רויכל,
גליאיק גאטס אויגן טרערן איבערגיין.

## „כמץ אשר תדפנו רוח" (תהלים א. ד.)

פאר די הזולעך מכל המינים שהוא

.1

ס'האט דער שונא געקוילעט, פאברענט,
לעצטן זכר אויף אש־שטויב צעריבן ;
ווילט איר אצינד אויסמעקן צומאל,
די צוואה וואס איבערגעבליבן ?

צאפלדיקע ס'האבן די מאמעס,
הערצער אריינגעלייגט אין די ווערטער ;
יעדעס אות מצבה־פ"נ,
אויף אומבאקאנטע הייליקע ערטער.

אויב איר מיינט טאקע צו ענדיקן,
דאס וואס דער שונא האט אנגעהויבן,
וועט אייער היברו־עברית פון איצט,
ווי פלעווס אויף ווינדשויוול צעשטויבן.

.2

ווערטער געווידנשאוולט צעקוועטשטע,
צונויפגעקלעבט מיט ניכטערן שפייעכץ ;
מעלה־גירהט מעשה־באהעמיש,
שוין הונדערט־איין־מאל איבערגעקייעכץ.



אונזער געדעעכניש פארטיליקן ?
איין עצה פאראן — בלייבן אומשטערבלעך !
פון אייער ליידיקייט נישט בלייבן,
צומאל פון ירמיה'ס טאפ די שערבלעך.

ווי צעפיצלט שוין, ווי צעברעקלט,
איז וויל מען אונז נאך מערער צערייסן ;
דאס זעלבע הארץ דאך, ס'צעריסענע,
די זעלבע הייליקע אלף־ביתן.

## שיר - המעלותלעך אויף די פיר ווענט פון דער וועלט

א.

מיר זיינען געוועזן דער ארבע־כנפות,
איבער די פיר עקן פון דער ערד צעשפרייט ;
רייסן זיך די ציצית, קניפן זיי זיך אויף ?
שדים ווייסן וואס איבער אונז זיך איצט גרייט !

אונטערן המלאך־הגואל טלית,
עם כל הנערים מוזן מיר אצינד שטיין ;
דעם ווייטסטן קאפ שנעל ארונטערגעכאפט נאך,
און נאך דער ברכה הויך נאכזאגן : אמן.

ב.

נישט פון שנאה־און נישט פון ליבע בלינד,
נישט קיין „תמות נפשי עם פלישתים־העלד — —
צעזייט און צעשפרייט מיר זיינען געווארן,
צו באוואכן די זיילן פון דער וועלט.

מינדסטער ייד — מעקסיקא, ביראבידזשאן,
ערגעץ־ווו פארווארפן אין אלדיי־העק,
מיט איין יידישווארט נאך אין זיין מויל,
און פארמול, פאראל פארלירט יעדע שרעק.

ג

טויזנטער, טויזנטער יארן שוין,
און ווי שיין ירושלים געבליבן !
צום הארצן זי נאך פעסט צוגעדרוקט,
אין עק וועלט ווי פארווארפן, ווו פארטריבן.

די מאמעס טרער, טאטנס הייליק ווארט — —
קאן מען א ליבשאפט פון הארץ ארויסרייסן ?
אזוי די שטאט ירושלים,
די שטאט פון שלום, זי זאל אייביק הייסן.

אין איר בלוט א מאמע טוט א קינד געווינען !
וואס טוט נישט אלץ א קינד מאמען צו דערהאטלן ?
עיר ואם בישראל — ירושלים,
דיך פארלירן ווי וועלן מיר דאס אויסהאלטן.

אויפן בראך־שטול און אן עיפעלע געווינען ? !
יללה־תפילות די זיבן הימלען שפאלטן :
אז וויאזוי מענטשן נישט פארגינען קענען,
קינד קושט מאמעס פארשטיינטע פנים פאלטן ?

## „מה שפגמתי שבספריה — מלכות שבמלכות“
(צום יאר טאג פון די זעקס־טעג מלחמה)

1

נישט ניחה, אפנים, וואס נישט געלינגען,
אויף א כשרן וועג אונז אראפצורימען ;
אין א מלחמה, מיט גנאדן־קויל געשאסן,
א סך שענער דאך ווי לאזן אונז דורכן קוימען.

קאצעט־פליטים אזוי זיך פארטיידיקן ?
ווי האבן זיי געקענט אזוינס גאר טורימען.

2

טאלסטאי, טורגעניעוו, טשעכאוו, גארקי,
„דער רוסישער מענטש“ ! איז דאס אלץ א ליגן ?
און הערש דוד נאמבערג׳ס : „אין סיביר
שטייט דיין טאטע אין האנט לאפאטע — —
נאר א ליד געוועז קינדער צו פארויגן ?

נישט דעם מענטש פון קנעכטאפט באפרייען,
לענדער נאר אין די הענט ארייננצוקריגן ?

3

דער אילת און דעצו דער דקר — —
ביי א פאלק, ווי מיר, באקומט אלץ א תיקון :
קאן א סאוויעטישער ייד אצינד,
אז אזוי אפגעריסן פון אונז,
זיין צושטייער, זיין קינד נאך ישראל שיקן ?

אבער זיין הארץ זיך באטייליקן,
אין אונזער צער, אין אונזערע אומגליקן.

.4

צי קאן דען מיר ירושלים,
זיין וויניקער הייליק, לאמיר זאגן,
ווי די שטאט מאסקווע דאסטאיעווסקין ?



מיט די פערציק מאל פערציק צערקוועס,
צעקלינגען אויף אלע גאסן און ראגן ?

און ווי דער לענין־מאוזאליי — די וואנט
אדורכגעווייקט פון צוויי טויזנט יאר קלאגן ?

.5

אן דעם „ואהבת לרעך“,
וועלן נישט העלפן קיין שום מאניפעסטן !
נישט קיין פרומסטע און נישט קיין קלוגסטע,
נישט לענין, נישט צומאל קארל מארקס,
נישט די מזרח־קולטור און נישט פון וועסטן.

ווו אונזערע לעגיאנען זיינען ?
יעדער מענטש טיף אין הארץ ווייסט עס אמבעסטן.

6

ווי די גילדזן פון אויסגעשאסענע פוילן,
זיינען לײדיקע פאראלן און געזעצן ;
זיי גלאצן מיט פארזשאווערטע ווערטער,
ווי די אויסגעהוילטע ליידיקע אויגן,
פון בראנז־געגאסענע צעגלאנצטע געצן.

אז אלץ וואס זיי קענען נאך און אלץ וואס זיין טון,
פעלקער אויף פעלקער אין שלאכטן צו העצן.

7

ווי פארלאשן דער פונק, ווי פארדושעט,
ער טליעט, נישט פארלאשן צו ווערן ;
ווי מיליאניק צעפיצלט, ווי שטויביק,
פעלדזיק אויפשטייגן ס׳וועט די אש־קופע,
אין מילך־וועגן גאנצע פון שטערן.

דער „אוד מוצל מאש“ פונקט ווי דער סנה,
קאן קיינמאל צו פלאמען נישט אויפהערן.

## אזא פרילינג - ליד הייאר

ס׳צעבלעטערט זיך די נאקעטע ערד,
איר חרפה מן־הסתם צוצודעקן ;
בלויז צי וועט דען זיין בלעטער געגוג,
אזוי געוואלטיק זיך אויסצושטרעקן ?

אז איבער גאנצער ערד לאנג און ברייט,
די חרפה שוין אויסגעשפרייט געווארן ? !

סיידן ארײַנצודזשאבן אויך שוין,
ווילדסטן קזשאק און שפּיציקסטן דארן.

מוז דען דווקא זיין פייגנבלעטער ?
גרעזל־גערטל ארומגענומען !
ווי ס׳בלוטיקט, ווי ס׳איטערט וואנדיק,
מיט רויזן־רויט און גאלד־געלע בלומען.

## פרילינג - שאטנס (טריפּטיך)

.1

איך זע ביימער בליען,
שוין נישט גערעכנט דערמיט — —
צווישן מידע פינגער,
סאמעטנדיק כ׳גלעט א צוויט.

כ׳הער א פויגל זינגען,
שוין נישט גערעכנט דערמיט — —
אין זיין ליד־ריטם,
קוים כ׳דערשלעפּ מיין מידן שריט.

כ׳זע דעם הימל בלויען,
מיינע אויגן בלויען מיט — —
און ס׳מעסער פון גערטנער,
טיף אין הארץ גיט שארף א שניט.

.2

מיד פון יאגן זיך,
איינער נאכן צווייטן,
זיך אפּגעשטעלט שוין,
דא צווישן די בייטן.

איבער אונז די זון,
אונטער אונז די קווייטן,
און עס הערן אויף,
די ווייטן און די צייטן.

ס׳וועט שוין מיין שאטן,
צווייטן נישט פארבייטן,
בלייבן שוין מיט מיר,
ביז מיין לעצט באגלייטן.

.3

פון מיר וועט ווערן ערד,
צוריק זיין כ׳וועל וואס געווען ;



אבער מיט מיין שאטן,
וואס בלויז ווער צעמלט געשען ?

איבער קבר־בערגל,
זיך וויגן ער וועט א בוים ;
בלעטלעך פריש־צעוויקלט,
מישן זיך שטילינק און קוים —

און ווען מיט זון פארגיי,
זיין שאטן ווערט אזוי גרויס,
טשוויטשט שוואלב צווישן געצווייג,
א לידל פון זיי ארויס.

## י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### די היסטארישע נאוועלע — רות

די היסטארישע נאוועלע — רות זאל שמואל הנביא האבן פארפאסט. די דערקלערונג דערויף איז, ווייל נאך דער עפּאכע פון די שופטים איז שמואל הנביא געווען דער ערשטער מנהיג פון א ישיבה צו דערציען נביאים אדער געלערטע פארן פאלק ישראל, האבן די חכמי התלמוד אנגענומען אז ער האט אנגעשריבן דעם ספר שופטים — די געשיכטע פון יהושע ביז אים. און אזוי ווי די געשעעניש מיט רות זאל האבן פאסירט אין דער צייט פון די שופטים, האלטן די הכמי התלמוד אז ער האט אויך פארפאסט די רות נאוועלע. (ב״ב י״ד)

אבער פון אלטן פאלקלאר, וואס געפינט זיך אין די תלמודים און מדרשים, ווייזט זיך ארויס אז דעם באשלוס, צו פארפאסן די היסטארישע נאוועלע, האט שמואל הנביא גענומען צוליב דראמאטישע מאטיוון. — כדי דערמיט צו באשטעטיקן אז ער האט געגעבן א נייע אויסטייטשונג צו א געזעץ אין תורת משה וועגן חתונה מיט פרויען פון פרעמדע פעלקער און אזוירום איינשטילן די אפּאזיציע פון שבט אפרים קעגן דער זאלבונג פון דוד בן ישי פאר מלך איבערן פאלק ישראל, א באווייז דערויף איז — וואס די רות נאוועלע ענדיקט זיך מיט א יחוס פארצייכענונג, אז דוד שטאמט פון רות.

ווען דאס פאסטוך פאלק, די בני ישראל שבטים זענען צוריק געקומען נאענט צו די גרעניצן פון זייער ירושה לאנד, נאך צוויי הונדערט און פופציק געיאר גלות מצרים און מדבר וואנדערונג, האבן דערווייל אנדערע פעלקער האט קאלאניזירט די בערג און טאלן וו זייערע עלטערן האבן אמאל געפיטערט פעלסטאדעס שאף און רינדער. געגלייבט האבן די בני ישראל שבטים אז די פעלקער, וואס זענען זייערע קרובים און געבליבן אין ירושה לאנד, וועלן זיי אויפנעמען מיט אפענע ארעמס און העלפן זיי זיך ווידער צו באזעצן אויף זייער

באדן. זיי האבן אבער זיך טועה געווען, ווי עס איז צו זען פון די ווייטערדיקע ציטירונגען.

קומענדיק צו דער גרעניץ פון לאנד אדום האט משה געשיקט א דעלעגאציע צום מלך מיט דער בקשה — „כה אמר אחיך ישראל“: „אזוי זאגט דיין ברודער ישראל, דו ווייסט פון אלדי מאטערניש וואס אונז האט געטראפן, — אונזערע עלטערן האבן געוווינט קיין מצרים, זענען געווען דארט א לאנגע צייט און ווען די מצריים האבן אונז שלעכט געטוען — אונז איינגעשפאנט אין צוואנגס־ארבעט־האבן מיר געשריגן צו גאט, האט ער געשיקט א מלאך און אונז אויסגעלייזט. איצט זענען מיר אין קדש, א שאדט נעבן דיין גרעניץ. לאז אונז — איך בעט דיך — דורכגיין דיין לאנד: מיר וועלן ניט צעטרעטן דיינע פעלדער אדער ווייגערטנער, אויף דעם וועג פון מלך — ווו דו דערלויבסט קאראוואנען צו גיין — וועלן מיר דורכמארשירן. מיר וועלן ניט טרינקן וואסער פון דיינע ברונעמס און ניט אפנייגן רעכטס אדער לינקס, ביז וואנען מיר וועלן האבן דורכגעגאנגען דיין לאנד.

האט דער מלך פון אדום געענטפערט אויף משה׳ס בקשה — זאלסט ניט פרובירן דורכגיין מיט די בני ישראל מיין לאנד, ווער פון אייך וואס וועט איבערטרעטן אונזער גרעניץ וועלן מיר דערשטעכן מיט א שווערד. עס האט ניט געהאלפן דאס געבעט פון די ישראל דעלעגאטן, אז זיי וועלן פאלגן דעם הויפטוועג, אויפפאסן ניט צו מאכן קיין שאדן און אויב זיי אדער זייערע בהמות וועלן ערגיץ טרינקן וואסער אפילו פון די פליסנדיקע טייכן וועלן זיי באצאלן... דער מלך איז געבליבן איינגעעקשנט און באוואפענט איז ער מיט א הארדע פון זיין פאלק ארויסגעגאנגען קעגן די בני ישראל. ניט ווילנדיק פירן א מלחמה קעגן זייערע קרובים האבן די בני ישראל גענומען זיך דערווייטערן פון די אדומישע גרעניץ. (במדבר כ׳)

דערווייל האבן די כנענים פון נגב, מיט זייער מלך אין ערד, געהערט אז אדום האט די בני ישראל ניט געלאזט דורכגיין זיין לאנד, זענען זיי אנגעפאלן אויף די בני ישראל און גענומען געפאנגענע. דער אומגעריכטער און ווילדווילדיקער אנפאל פון די כנענים האט די בני ישראל אזוי אויפגערעגט און פארביטערט אז זיי האבן געשווארן צו גאט — אויב זיי וועלן מנצח זיי די כנענישע פעלקער וועלן זיי צעשמעטערן און פארוויסטן די שטעדט. די בני ישראל האבן זיך נאך מער דערווייטערט פון די אדומישע גרעניצן ביז זיי זענען געקומען צום ארנון טייך וואס גיסט זיך אין ים המלח און איז געווען די דעמאלטיקע גרעניץ צווישן מואב און אמורי.

פריער האט אויך די אנדערע זייט פון ארנון טייך אנגעהערט צו די מואבים. זיי זענען געזעסן אויף די גלעד בערג, וואס אויף זייערע שפיצן האבן אלערליי בשמים וועלדער געוואקסן און אויף די הויקערדיקע אראפשטייגן באדעקט מיט גרין גראזיקע פעלדער. די בשמים האבן זיי פארהאנדלעט צו די ישמעאלים און אויף די משופעדיקע לאנקעס האבן זייערע פאסטוכער געפיטערט סטאדעס ציגן. ביז סיחון דער מלך פון די אמורים האט פארכאפט



זייער לאנד. דער נצחון פון אמורי איז פאראייביקט געווארן אין די עפישע דיכטונגען פון „ספר מלחמות יי״, די וואנדערנדיקע ארטיסטן האבן אומעטום דעציטירט די עפיק, — קום קיין חשבון די הויפטשטאדט פון סיחון, זי ווערט צום נצחון פארצירט. דאס פייער וואס איז ארויס פון חשבון, דער פלאם פון סיחון׳ס הויפטשטאדט, האט פארצערט ערעור, די הויפטשטאט פון מואב און די שרים פון גלעד אויסגעראט. וויי דיר מואב, פארלוירן ביסטו פאלק פון „כמוש״, דער זון גאט, סיחון האט געמאכט דיינע זין פליטים און דיינע טעכטער געפאנגענע.

נקמה האט מואב דערלעבט אין די אמורישע דעראבערער ווען די בני ישראל האבן די ארמיי פון סיחון מנצח געווען, פארטריבן איר פון דעראבערטן מואב לאנד און די בערג פון גלעד באזעצט. ווען די בני ישראל זענען געקומען צו דער גרעניץ פון אמורי, פון וועלכן פאלק זייער עלטערפאטער האט געשטאמט — „אביך האמורי״ — (יחזקאל ט״ז) האבן זיי נאך געגלייבט אז זייערע קרובים וועלן זיי העלפן און געשיקט א דעלעגאציע צו סיחון מיט דערזעלבער בקשה ווי צו אדום. — „אעברה בארצך״: לאז מיך דורכגיין דיין לאנד, אויפן קאראוואן וועג וועלן מיר מארשירן, ניט צעטרעטן דיינע פעלדער אדער ווייגערטנער און ניט טרינקן וואסער פון דיינע ברונעמס. אבער אויך סיחון האט ניט געוואלט דערלויבן די בני ישראל דורכצוגיין זיין לאנד און איז ארויס מיט א באוואפנטע ארמיי צו פירן מלחמה קעגן זיי. נאר ווייל דאס לאנד איז ניט געווען זיינס. ער האט עס פארכאפט פון די מואבים, האבן די בני ישראל געשטעלט א ווידערשטאנד, געשלאגן אים מיטן שארף פון שווערד און דעראבערט דאס מואבישע לאנד. ווען די בני ישראל זענען ווייטער געגאנגען אויפן וועג פון בשן, איז עוג, דער מלך פון בשן, זיי באפאלן, האבן זיי אים מיט זיין ארמיי דערשלאגן און באזעצט דעם בשן. (במדבר כ״א)

אז בלק בן צפור, דער מלך פון מואב, האט געזען וואס די בני ישראל האבן געטוען צו אמורי איז אים באפאלן א שרעק פאר זייער מעכטיקייט און געציטערט צו ווערן פארוויקעלט אין א מלחמה מיט זיי. האט ער גענומען פארשפרייטן א פארגיפטעטע פראפאגאנדע קעגן די בני ישראל, כדי פארשווארצן זייער פנים, אומווירדיקן זייער כאראקטער און אויפרייצן די ארומיקע פעלקער קעגן זיי. בלק האט געזאגט צו די עלטסטע פון מדין — איצט וועט דאס געזעמל אויסרייסן אלץ וואס ארום אונז, אזוי ווי אן אקס עסט אפ דאס גראז פון פעלד, זיי וועלן אונז מיט דער ווארצל פארשלונגען. און ער האט געדינגען בלעם בן בעור, דער פאפולערסטער אגיטאטאר פון יענער צייט, צו פארשעלטן זיי אדער לעסטערן און דעגראדירן זייער אויפפירונג אין די אויגן פון די דעמאלטיקע פעלקער און קומענדיקע דורות.

מען איז בארעכטיקט אנצונעמען אז אויך דאס פאלק עמון האט זיך באטייליקט אין דער שענדלעכער פראפאגאנדע קעגן דעם פאלק ישראל, כאטש זיין נאמען ווערט ניט דערמאנט ווייל ער איז צוזאמען מיט מואב באשטראפט

געוואָרן. מחמת דער וואס די קרובים עמון און מואב האבן ניט געהאלפן די בני ישראל — זיי זענען ניט אקעגנגעקומען מיט ברויט און וואסער צו שטילן דעם הונגער און דארשט פון די מדבר וואנדערער ווען זיי זענען ארויס־געגאנגען פון מצרישן שקלאפן הויז, נאר האבן געדינגען בלעם בן בעור צו באזידלען האט תורת משה באפוילן — „לא יבא עמוני ומואבי בקהל יי״: אז די וואס שטאמען פון עמון אדער מואב זאלן קיינמאל ניט אויפגענומען ווערן אין פאלק ישראל. (דברים כ״ג)

ווערט דערציילט אין די אגדות פון די תלמודים און מדרשים — ווען שאול המלך האט געזען אז דוד גייט ארויס קעמפן קעגן גלית הפלשתי, האט ער געפרעגט זיין פעלדמארשאל אבנר — „בן מי זה הנער״: וועמענס זון איז דאס יינגל? האט אים אבנר געענטפערט — איך שווער ביי דיין לעבעדיקע זעל, מלך, אויב איך ווייס! האט דער גרויסער געלערטער און פרומער דואג זיך אנגערופן — מלך! איידער דו פרעגסט אויב ער פאסט זיך אריין אין קעניגלעכן הויז, ווייל שאול האט געהאט צוגעזאגט צו געבן דעם שלעגער פון גלית הפלשתי זיין טאכטער פאר א ווייב, פרעג אויב ער מעג אויפגענומען ווערן אין פאלק ישראל, אדער ניט? ווייל ער שטאמט פון רות די מואבישע. האט אבנר דערקלערט — „תנינא עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית״: נאר מענער פון עמון און מואב האט מען פארבאטן אויפצונעמען אין פאלק ישראל, אבער פרויען מעג מען אויפנעמען — ווייל דער מאטיוו פון דעם פאר־באט איז געווען, וואס זיי זענען ניט אקעגנגעקומען מיט ברויט און וואסער, דאס דארפן געוויינלעך מענער טוען, ניט פרויען.

האט אים דואג געפרעגט — האבן מענער געדארפט אקגנקומען מענער און פרויען — פרויען? און אזוי ווי אבנר איז ני טבאהאווענט געווען צו ענטפערן די קשיא, האט שאול המלך באפוילן — זיי זאלן גיין אין בית המדרש פרעגן וואס די הלכה איז? אין בית המדרש האט דואג געפרעגט דיזעלבע קשיא — און האט פארלאנגט מען זאל רות מיט אלע וואס שטאמען פון איר אויסשליסן פון פאלק ישראל. האט עמשא, דער זון פון יתרא הישראלי און איידעם פון ישי זיך אנגעגארט מיט א שווערד און געזאגט — ווער עס וועט אפווארפן די הלכה וועל איך דערשטעכן מיט מיין שווערד. אזוי האבן מיר איבערגענומען פון שמואל הרמתי׳ס בית דין — „עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית״: נאר מענער פון עמון און מואב איז פארבאטן אויפצונעמען, אבער פרויען מעג מען אויפנעמען אין כלל ישראל. (בביל יבמות ע״ז, ירושלמי יבמות פ״ג ה״ג)

אין אמתן איז דער וויכוח וועגן רות געווען א פאליטישער. ווען דער נביא שמואל האט, וועגן דער מלחמה קעגן עמלק, געזאגט צו שאול, אז ער איז ניט מער ראוי צו זיין מלך און האט איבערגעריסן יעדע באציונג מיט אים. (שמואל־א. ט״ו) האט ער געזוכט אן אנדערן יונגעמאן צו זאלבן פאר מלך איבערן פאלק ישראל. דער שבט אפרים, וואס לויט דער מסורה זאל אים יעקב אבינו שוין האבן באשטימט צו זיין דער קולטורעלער מנהיג פון פאלק



ישראל און די גרעסטע געלערטע האבן טאקע געשטאמט פון אים, (בראשית רבה פצ׳ז־ז׳, ויקרא רבה פ׳ ב־ג׳, במדבר רבה פי״ד־ט״ו) האט פארלאנגט אז איינער פון אים זאל ווערן מלך. און דער שבט יהודה, וואס איז ביז איצט געווען דער ארגאניזאטאר פון א ישראל ארמיי און געשטאנען אין שפיץ פון אלע מיליטערישע אפעראציעס צו באזעצן דאס ירושה לאנד, האט פארלאנגט אז איינער פון אים זאל ווערן מלך.

שמואל הנביא האט געוווסט, אז צו באפרייען דאס פאלק ישראל פון די ארומיקע שונאים מוז דער מלך זיין א מיליטערישע אויטאריטעט. ער איז זער צופרידן געווען מיט דוד בן ישי, ווייל אחוץ דעם וואס ער איז געווען דער געשיקסטער קעמפער, האט ער געלערנט זיין שבט שיסן מיט א בויגן — „ללמד בני יהודה קשת״, (שמואל־ב. א׳) און מיטן זאלבן אים פאר מלך האט ער געגלייבט צו באפרידיקן דעם שבט יהודה און דעם שבט אפרים, אין דער משפחה פון דוד בן ישי האט געפליסט בלוט פון שבט אפרים מען האט דוד׳ן אנגערופן „אפרתי״ ווייל די צוויי שבטים האבן זיך משדך געווען, אזוי ווי דער נביא שמואל איז זעלבסט געווען א לוי און געשטאמט פון אן „אפרתי״. (שמואל־א. א׳, דברי הימים־א. ו׳, שמואל־א. י״ז)

אבער דער שבט אפרים איז ניט צופרידן געווען מיט דעם האלב־בלוט, מיט דעם שבטים געמישטן דוד בן ישי און די געלערטע פון שבט אפרים האבן אויסגעפונען אז ער שטאמט פון רות די מואבישע, וואס אפילו דער צענטער דור, ביז אייביק טאר מען ניט אריינגעמען אין כלל ישראל, (דברים כ״ג) האט דער בית דין פון שמואל הנביא געמוזט פארפאסן און ארויפצווינגען די הלכה, אז אויף פרויען פון עמון און מואב איז ניט חל דער איסור, כדי צו קאנען זאלבן דוד בן ישי פאר מלך איבערן יידישן פאלק און שמואל האט דערפאר אנגעשריבן די היסטארישע נאוועלע רות מיטבדעם יחוס בריף פון דוד בן ישי, כדי מען זאל וויסן לדורות אז אזוי איז די הלכה.

די געלערטע פון שבט אפרים האבן פרעטענדירט אז דאס איז א פאליטיש מאטיווירטע הלכה און איר אפגעווארפן. אין אן אגדה ווערט דערציילט, אז דוד האט געהאלטן זיין איניקל רחבעם אויף דער שויס און געזאגט צו אים — מיך — ווייל איך שטאם פון רות המואבית און — דיך ווייל דו שטאמסט פון נעמה העמונית ווילן זיי ניט אריינעמען אין כל לישראל. (יבמות ע״ז) די געלערטע פון שבט אפרים האבן כסדר אויפגעהעצט די שבטים פון פאלק ישראל קעגן מכלות בית דוד און זיך באטייליקט אין יעדן אויפשטאנד קעגן אים. זיי האבן אין די גאסן געשריגן — „אין לנו חלק־בדוד ולא נחלה בבן ישי״: מיר האבן זיך ניט באטייליקט אין דער זאלבונג פון דוד׳ן פאר מלך איבער ישראל און מיר האבן ניט איבערגענומען בירושה דאס מלכות פון ישי׳ס זון. (שמואל־ב. כ׳) דערפאר האט דער נביא אחיהו השילוני אפגעריסן די צען שבטים פון מלכות בית דוד און געגרינדעט מלכות ישראל אונטער ירבעם בן נבט — א טאטאלער שבט אפרים מאן. (מלכים־א. י״א)

אבער דאס יידישע פאלק האט זיך נוקם געווען אין די באליידיקער פון

זייער משיח, די געלערנטע פון יידישן פאלק האבן איינגעזען אז וועט ניט דער קעמפער, ארגאניזאטאר און מיליטערישער לערער דוד בן ישי וואלט דאס פאלק ישראל פון ווידערשטאנד לאזיקייט פארשווינדן צווישן די ארומיקע פעלקער. די מפרשים אין די תלמודים פון די אומקלארע תנ״כשע פסוקים האבן דערויף אויסגעטייטשט דעם שווערן פסוק אין מיכה. — „לכן תתנו שלוחים ע למורשת גת, בתי אכזיב לאכזב למלכי ישראל״: ווייל איר האט געשיקט א גט, איר האט פארלאזט דעם וואס האט געהרגט גילת הפלשתי און דערפאר געירשנט גת — די הויפטשטאדט פון די פלשתים, איר האט זיך אפגעריסן פון מלכות בית דוד, וועל איך איבערגעבן אין די הענט פון ליגנערישן אשור אייער מלכות ישראל. (מיכה א׳, סנהד. ק״ב)

## דוד בערמאן

## א ישראל פאלקסליד

דאס לאנד פון דער שיינער ליליע,
יא, דאס לאנד פון דער ווייסער ליליע,
און דעם זיסן קאקטוס־סאברא,
יא, דעם גרינעם קאקטוס־סאברא.

א לאנד פון מילך און האניק,
יא, א לאנד פון מילך און האניק
און דער דרום־נגב מדבר,
יא, דער געל־זאמדיקער מדבר.

א לאנד פון הייליקייט און געטלעכקייט,
יא, א לאנד פון פרומקייט און געטלעכקייט
און פון פריינטלעכקייט און ברידערלעכקייט,
יא, פון פריינטלעכקייט און ברידערלעכקייט!

## י. געווירץ

## צוואנציק יאר מדינת - ישראל

(רעפעראט געהאלטן ביי דער לעבעדיקער ציַיטונג)

אין דער וועלטגעשיכטע איז צוואנציק יאר א פינטל זאמד אין אן אומענדלעכער מדבר. אין דער יידישער געשיכטע איז צוואנציק יאר נישט אומבאדייטנד. פון דער צייט, ווען דויד המלך האט געגרינדעט ירושלים אלס די הויפטשטאט פון דער ערשטער יידישער מדינה ביז דער שפאלטונג פון דער מדינה נאכן טויט פון שלמה המלך זענען פארבייגעגאנגען ארום בערך זיבעציק יאר. די מלוכה פון די חשמונאים האט געדויערט נישט מער ווי הונדערט יאר. דער אויפשטאנד פון די קנאים קעגן רוים האט קוים דערלעבט זיבן יאר ביז צום פאל פון מסדה. און די פרייהייט, וואס בר־כוכבא האט אויסגעפירט קעגן אדריַנוס, הרשע, איז געווען זער קורץ — איבער דריי יאר.



דער פראגרעס, וואס ישראל האט געמאכט אין די לעצטע צוואנציק יאר, איז כמעט אומגלויבלעך. די פראדוקציע פון איר אגריקולטור איז יעצט זעקס מאל אזוי גרויס ווי אין 1948, און אין דער זעלבער צייט האט די באפעלקערונג זיך פארמערט אויף פיר מאל אזויפיל. ישראל פראדוצירט יעצט אכציק פראצענט פון איר באדערפעניש.

די אינדוסטריעלע פראדוקציע איז דריי מאל אזוי גרויס ווי עס געווען אין 1955. אין 1948 זענען די עקספארטן געווען צען מאל אזוי קליין ווי די אימפארטן. יעצט פארקויפט ישראל זעכציק פראצענט אזויפיל סחורה ווי זי אימפארטירט.

די יערלעכע פארמערונג פון דעם גראס נאציאנאלן פראדוקט אין די לעצטע צען יאר איז געווען ניין פראצענט. אין דער זעלבער צייט האט דייטשלאנד, מיט איר באוואוסטן עקאנאמישן וואונדער, פארמערט איר גראס נאציאנאלן פראדוקט אויף זיבן און א האלב פראצענט יערלעך און אמעריקע דרי מיט א האלב פראצענט. אין דער זעלבער צייט האלט ישראל אין שיקן עקספערטן אין פינף און פופציק לענדער אריין אין אפריקע, אזיע און דרום־אמעריקע און האט אויסגעבילדעט ניין טויזנט פרעמדע סטודענטן. דאס אלץ האט ישראל אויפגעטון אין א צייט פון דריי מלחמות און ווען צוויי דריטל פון אירע שטייערן גייען אויף מיליטערישע באדערפענישן.

און אפילו יעצט, מיט דעם געוואלטיקן זיג אין יוני, האבן מיר — אזוי׳ האב איך מורא — נאך נישט געזעען דעם לעצטן קריג. אבער מיר קענען נעמען אויפמונטערונג פון דער אמעריקאנישער דערפארונג. ביז ענגלאנד האט זי אנערקענט אלס א פרייע, אומאפהענגיקע מדינה, האט זי געמוזט ווארטן זעקס און דרייסיק יאר און געמוזט זיך שלאגן אין א ביטערער מלחמה קעגן איר אייגן מוטערלאנד.

ווילאנג עס איז נישטא קיין שלום אויף דער וועלט, וועט נישט זיין קיין שלום אויפן מיטעלען מזרח. עס איז אלעמאל געווען אזוי און עס וועט אלעמאל אזוי זיין. ארץ־ישראל איז תמיד געווען א קריגס־פאנג צווישן די מעכטיקע מדינות און באזיגערס: מצרים, אשור, בבל, פרס, אלעקסאנדער, פאמפעי, מחמד, די קרייצצוגן, סאלאדין, נאפאלעאן, די אטאמאנער היטלער און יעצט נאסער און קאסיגין.

אבער איך גלויב, אז קיינמאל אין אונזער טרויעריקער געשיכטע זענען מיר נישט געווען שטארקער און מער זיכער בנוגע אונזער צוקונפט. מיר דארפן זיך נישט שרעקן פאר די שרעקלעכע קולות פון מאסקווע. וואס מער זיי שרייען, איז בעסער פאר אונז. עס איז דאס געשריי פון פאלשקייט, פון באטרוג — א שוישפיל. די רוסן מוזן האבן אומרו אויפן מיטעלען מזרח, כדי צו באקומען אן איינפלוס אויף דעם לאנד־שטח, וואס די ענגלענדער האבן איבערגעלאזט ליידיק נאך זייער צוריקציען זיך. רוסלאנד וויל נישט, אז ישראל זאל לעבן אבער אויך נישט, אז ישראל זאל פונקט יעצט אונטערגיין. די טראגעדיע איז וואס די אראבישע פירער זענען אזוי פארבלענדט מיט

זייער האס קעגן יידן, אז זיי זענען נישט איין ווי דאס רוסישע שוישפיל איז פאר זיי אן אומגליק. די זעלבע באוועגונג, וואס האט געדירט רוסלאנד צו אנערקענען די יידישע מדינה אין 1948, באמיט זיך יעצט צו שטיצן די אראבער.

עס הערט זיך יעצט די שטימע פון יענע, וואס זאגן, אז ישראל דארף צוריקגעבן די לענדער, וועלכע זי האט געוואונען אין קריג פון זעקס טעג. וואו זענען געווען די זעלבע שטימעס ווען נאסער האט געזאמלט די אראבישע מאכטן צו פארניכטן ישראל?

און באמת וויל ישראל נישט האלטן די גאנצע טעריטאריע, וואס זי האט פארנומען אין חודש יוני. אז די אראבער וואלטן זיך אוועקגעזעצט פארהאנדלען פנים־אל־פנים מיט ישראל, בין איך זיכער, אז אחוץ ירושלים, עזה און די בערג פון גולן, וואלט מען אלץ צוריקגעגעבן. אן פארהאנדלונגען פנים צו פנים וועלן זיי גארנישט צוריקקריגן. אנדערש צו טון וואלט געווען א נארישקייט אדער, נאך ערגער, נאציאנאלער זעלבסטמארד. אבער וואס לענגער די אראבער ווארטן, אלץ קלענער וועט זיין אינגאנצן זייער האפנונג. נאך צוואנציק יאר וועט די זעלבע סיטואציע עקזיסטירן אין חברון, יריחו, אין דער מדבר סיני ווי יעצט אין נצרת, עכו און רמלה. אין פינף הונדערט יאר ארום וועט מען מער נישט רעדן פון צוריקגעבן. די צייט איז די גרעסטע אויסגלייכערין.

יידן זענען א מינאריטעט אין דער גאנצער וועלט אויסער אין ישראל. פארוואס זאל נישט זיין קיין אראבישע מינאריטעט אין ישראל? צווישן אראבער און יידן עקזיסטירט נישט קיין ראסן־פראבלעם. מיר זענען ביידע בני־שם, און ווער קען זאגן וויפל יידיש בלוט טריפט נישט אין די אדערן פון די אראבישע איינוואוינער אין ארץ־ישראל?

זיכער בין איך, אז טויזנטער אראבער, איבערהויפט קריסטלעכע אראבער, שעצן זיך גליקלעך וואס זיי לעבן נישט אונטער דער ממשלה פון נאסער. באמת האף איך, אז מיר זענען נישט ווייט פון דעם טאג, ווען די פאלעסטינער אראבער וועלן אראפווארפן פון זיך דעם נאסעריזם און וועלן קומען צו ישראל מיט פריינטשאפט. אין יענעם טאג וועלן זיי האבן זייער אייגענע רעגירונג אויף מערב זייט פון ירדן.

אבער ביז צו דער צייט מוז ישראל זיך פעסט האלטן ביי דער מערכה. ישראל קען ווארטן. די צייט און אמעריקע האלטן מיט ישראל. דאס וואס אמעריקע שטיצט ישראל איז נישט נאר דורך ליבשאפט; און זיכער נישט, ווייל עס רעדט זיך יעצט פון דער יידישער שטימע ביים אויסוויילן א נייעם פרעזידענט. די נישט־געשריבענע אליאנץ צווישן אמעריקע און ישראל האט פונקט אזא פראקטישע באדייטונג ווי אן אידעאליסטישע. צווישן דער האלבאינזל קרים און דעם מיטללענדישן ים (און נאך ווייטער) איז בלויז ישראל זיכער. אונזערע אינטערעסן זענען די זעלבע. א בונד, וואס איז געגרינדעט נאר אויף אידעאליזם, צעברעקלט זיך ווען איינער פון די צדדים פארלירט זיין אידעאליזם. מיר האבן דאס מיט באדויערן געזעען ביי דע־גאל.



די קראפט פון ישראל ווערט שטארקער פון יאר צו יאר. דער שטערן פון נאסער ווערט טונקעלער פון טאג צו טאג. די ארימקייט אין מצרים איז שרעקלעך, און די אינטעליגענץ איז אומרואיק בנוגע נאסערס פירערשאפט. אין צען יאר ארום, זאגן די דעמאגראפן־עקאנאמיסטן, וועט זיך נישט אנזעען דער פארדינסט פונם אסואן־דאם. כל־זמן ער פירט אן זיין מלחמה קעגן ישראל קען ער נישט ארויס פון דער עקאנאמישער און סאציאלער בלאטע. זיין צמר־גפן האט ער אוועקגעגעבן אין ארענדע צו די קאמוניסטישע לענדער. דער סועץ־קאנאל ווערט פארוואקסן און אויסגעטרוקנט. ער מוז אנקומען צו זיינע שונאים אין דער אראבישער וועלט ווי א חיה מיט ווידל צווישן די פיס מוז ער בעטן א שטיקל ברויט.

אבער פאר ישראל איז אזא לאגע אויך נישט אן געפאר, ווייל דער וועג צו ארימקייט פאר א דיקטאטאר איז אויך דער וועג צו מלחמה. אז א דיקטאטאר האלט זיך אין טרענקען, שלעפט ער יעדן ארונטער מיט זיך.

מיט אפאר מאנאטן צוריק האט אן עגיפטישער קאלאנעל געשריבן אין דער „דזשואיש קראניקל“ פון אן אונטערערד־פלאן וויאזוי ארונטערצוזעצן נאסערן און זיין חברה, כדי שלום צו שליסן מיט ישראל. מיר קענען נאר האפן, אז אין מצרים זענען נאך דא אפאר אזעלכע מענטשן. אויב נישט, איז נאך א מלחמה אומפארמיידלעך.

איך דאנק אייך אלע, און האף, אז אין דרייסיק יאר ארום, מיט גאטס הילף, וועט איר מיך איינלאדן ווידעראמאל אויף דעם יום־טוב פון מדינת־ישראל.

יוסף לעפטוויטש

## דער ווייטער בליק

איך גיי אין גאס, און קוק זיך צו
ווי מענשן שפילן, און טון.
איך בין שוין מער נישט אין דעם שפיל.
איך בין אוועק דערפון.

איך בין שוין מער נישט אין דעם שפיל
פון טון און צושטערן,
פון ברעכן און בויען צוריק,
פון שאפן און ווערן.

איך שטיי ווי אין דרויסן,
ווי איינער קוקט פון דער ווייט.
איך שפאר מיטן קאפ אין יענער וועלט,
ווי כ׳וואלט געווען שוין טויט.

---

מזל טוב צו דער חתונה פון שערלי בינשטאק מיט בעלא באש. פיל גליק און נחת.
א. נ. שטענצל

רחמיאל פעלדמאן

# קארביד אש

מענטשן פון יענער וועלט — פאראן אזוינע, און פאראן איז אויך א יענעוועלט...

קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזן. נישט ווייט וועל איך דיך פירן. אין דיין אייגענער שטאט, וואו דו וואוינסט פון דער פריסטער יוגנט אן, געפינט זיך עס אט די יענעוועלט, און אונטער דער ערד, וואס דו טרעטסט אויף איר, געפינען זיך די מענטשן פון יענער וועלט.

דו ווייסט, מען גראבט דא גאלד, דא אין אונדזער גאלדענער שטאט. דיין בליק איז געוואוינט צו זען די ווייסע בערג, בערג פון שווערן, דין־צעריבענעם, ווייסן זאמד; בערג אזוינע גרויזאמע און אומהיימלעכע. נישט קיין וואולקאנישע אויפברויזן האבן זיי גורם געווען.

דאס זיינען בערג פון א צעריבענעם אונטערערדישן שטיין, געמאלן מיטן מענטשנס בלוט און שווייס. דער מענטש האט דעם גאלד־זאמד פון שטיין ארויסגענומען און באצאלט פאר דעם מיט זיינע לונגען, פון ראנדפאנטיין ביז ספרינגס ציט זיך אט דער טייערער גאלד־אדער, און א סך מיליאנען גילדענע פונטן זיינען שוין ארויסגענומען געווארן פון דארטן. נאר וויפל צעלעכערטע לונגען עס זיינען געבליבן אין דער וועלט, וויפל לעבנס עס האט געקאסט — דאס ווייס מע נישט. די מינען־מאגנאטן פירן א שטרענגן חשבון און א שטרענגן חשבון און א סטאטיסטיק פון אלץ, נאר די, וואס האבן פארלוירן זייערע לעבנס — די ציילט מען נישט.

ניין, איך קען עס דיר נישט ענטפערן.

איך ווייס נישט, פארוואס ס'איז דאס גאלד־מעטאל טייערער ביים מענטשן, ווי אלץ אין דער וועלט. כ'ווייס נישט, פארוואס ס'זיינען נישטא קיין קרבנות, וואס זאלן זיין צו טייער, מקריב צו זיין פאר אט דעם אפגאט; איך ווייס נאר, אז אויב מען וויל זיך נישט אראפלאזן אין דער טיפעניש פון דער דאזיקער יענערוועלט — איז פאראן א גרויזאמע בייטש, וואס הייסט הונגער און נויט, און זי טרייבט אראפ דארט אין יענערוועלט.

קום, לאמיר דיר באווייזן, ווי עס זעען אויס די מענטשן, ווען זיי קומען ארויס פון יענערוועלט. א סך מאל האסטו געזען די הויכע, אייזערנע טויערן, וואס מען טרעפט אן ביי יעדער גאלד־מינע. דו ווייסט: מען רופט עס אן „מיין־שאפט", און אפשר ווייסטו, אז די סטרוקטור פון די אייזערנע שטאנגען איז געבויט פאר דעם מינען־עלעוואטאר. אין אט די „שאפטס" לאזט מען זיך ארונטער אין דער ערד און פון די שאפטס קומט מען צוריק ארויס אויף דער ערד. די „שאפטס" בייטן זיך. שטיי מיט מיר און לאמיר זיי אנקוקן, די גאלד־גרעבער, ווען זיי באווייזן זיך צוריק אויף דער ערד אין דער ליכט און אויף דער לופט.

דו פרעגסט מיך — ווי קומט עס, וואס אלע פון זיי זעען אויס ווי האלב־טויטע באוועגלעכע באשעפענישן, ביי וועמען יעדער פונק פון לעבן איז אויס־



געלאשן? — איך ווייס נישט.

איך ווייס נאר, אז איך זע פאר זיך אן אומענדלעכע ריי פון אויס־געהאַרעוועטע, מאדנע באשעפענישן. שווארצע מענטשן מיט אויגן אויס־געלאשענע און קערפערס אפגעשטארבענע, וואס באוועגן זיך, עפעס ווי דורך אן אויסער־לעכער טרייב־קראפט. זיי קומען ארויס פון דער עדר און גייען איינציקווייז. כלערליי טיפן זעט מען דארט — אלטע מיט קורץ־געקרייזלטע האר און גאר יונגע; הויכע און דינע; קורצע און דיקע — קינדער פון צענדליקער באזונ־דערע שבטים: פון דער ווייטער פארטוגעזישער טעריטאריע פון מאזאמביק, פון פאנדאלאנד און בעטשואנאלאנד און באסוטא־לאנד. זולוס און סוואזיס און מאקאזיס.

יעדער — א טיפ פאר זיך. יעדערער — אזוי אנדערש פון דעם צווייטן, און דאך — אלע אזוי ווי איינער: שווארצע געשטאלטן, פארשאטן פון ווייסן שטויב און באהאנגען מיט שמוציקע, אלטע שמאטעס; און באוועגן באוועגן זיי זיך אלע אין דער זעלביקער ריכטונג, מיט דעם זעלביקן מאנאטאן־מעכא־נישן טראט. יעדער פון זיי טראגט א לעמפל, און דער אויסגעברענטער קארביד אין לעמפל מיט זיין גרויען אש און מיט זיין אומאנגענעמען ריח — דערציילט עפעס פון א יענערוועלט, וואו לעבנס ווערן געברענט און פון וואנעט עס שיט זיך נאר ארויס דער אויסגעברענטער, שטינקנדיקער אש. עפעס א נאענטקייט צווישן דעם קארביד־אש און די מענטשן.

דו פרעגסט מיך, פארוואס זיי רעדן אזוי ווייניק איינער מיט דעם אנדערן; וואו איז די זארגלאזע פריילעכקייט פון אפריקעס שווארצע קינדער; וואס האט מען זיי געטאן דארט טיף אין דער ערד, אז יעדער פונק פון לעבן איז ביי זיי אויסגעלאשן? — כ'ווייס נישט...

איך שטיי און קוק זיי אן און אויך איך ווער פארגליווערט. מיינע אויגן זיינען איינגעגעסן אין די פארבייגייענדיקע געשטאלטן. איך זוך אין יעדן אויסדרוק פון די פארשידענע פנימער, כדי צו געפינען אן ענטפער; און אומבאוואוסטזיניק פרעג איך יעדן איינעם: — וואס האט מען דיר דארט געטאן אין דער טיפעניש פון דער ערד?

איך קוק זיך אום. עס גייען שוין פארביי די לעצטע פון די מינען־גרעבער. די זון פארשווינדט, און אזא אומעטיקער בין־השמשות נעמט ארום די שווארצע סילועטן אויפן האריזאנט און פארוואנדלט די גאנצע וועלט עפעס אין אזא קליין, אומעטיק ווינקעלע, פון וואנעט יעדע לעבעדיקע באוועגונג איז אויס־גערונען. — סילועטן פון א מיין־שאפט און א „מיין־דאמפ", און שווארצע גאלד־גרעבער, וואס באוועגן זיך אויטאמאטיש צו זייער רו־פלאץ.

איך דערמאן זיך אין אן אנדער בילד: — ס'איז אין „טאל פון די טויזנט בערד". די זון לייכט אזוי פריידיק און ווארעם. עפעס ווי די גאנצע וועלט איז אנגעפילט מיט שמחה פון לעבן און איטלעך בערגל זינגט ארויס די פרייד, וואס נעמט ארום יעדע באשעפעניש. כמעט אויף יעדן בערגל געפינט זיך א קליינער קראאל פון עטלעכע רונדע שטרויענע הייזלעך, און אפריקעס קינדער

באדן זיך אין דער װאַרעמקייט פון דער זון. ביי איינעם פון די הייזלעך ליגט אן אויסגעדאַרטער זולו, אויף זיין שוואַרצן פּנים זעט זיך אַ קרענקלעכע בלאַסקייט. ער ליגט אָפּגעזונדערט, איינער אַליין, און אפילו דער באַזוך פון עטלעכע ווייסע געסט דערוועקט נישט דעם קלענסטן אינטערעס אין אים. איך פרעג זיך נאָך אויף אים. מען וויל נישט ענטפערן אויף מיינע פראַגעס. מען שאָקלט אומעטיק מיט די קעפּ און מען לאָזט אַרויס קלאַנגען מיטן צונג, וואָס זיינען אומפאַרשטענדלעך פאַר די ווייסע, ווייל זיי לאָזן זיך נישט איבערזעצן.

סוף־כּל־סוף זיינען מיר געוואָר געוואָרן, אַז מיט צוויי יאָר צוריק איז ער צוריקגעקומען אין קראַאַל פון דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געאַרבעט אין די גאָלד־גרובן.

געקומען איז ער אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער. פון דעמאָלט אָן רעדט ער אפילו נישט מיט זיינע אייגענע, און אויף דער פראַגע — וואָס פאַר אַ שלעכטס די „מילונגעס", די ווייסע מענטשן, האָבן אים געטאָן — ענטפערט ער קיין מאָל נישט.

געוואָלט האָט ער חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון אַ דערבייאיקן קראַאַל. ער איז דאַן געווען אַ בראַווער יונג, פול מיט לעבן. די מיידלעך פון אַרום פלעגט ער פאַרכּישופן מיט זיין טאַנצן, און זיין שיין זינגען האָט אַ שם געהאַט איבערן גאַנצן „טאָל פון טויזנט בערג". פלינק איז ער געווען ווי אַ פייל פון בויגן. דאָס מיידל, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן, איז אויך צו אים נישט גלייכגילטיק געווען, נאָר דער פאָטער איר'ער, ער האָט נאָר איין־איינציקע טאַכטער פאַרמאָגט, און געפאָדערט גאַנצע פינף און צוואַנציק אָקסן פאַר דער כּלה, און געוואָלט, אַז די אָקסן זאָלן דווקא מיט אַ מאָל באַצאָלט ווערן.

איז דאַן אַוועק דער יונגער זולו אין דער גרויסער שטאָט פון ווייסן און זיך פאַרדונגען אויף אַ קאָנטראַקט צו אַרבעטן אין די גאָלד־גרובן גאַנצע צוויי יאָר. געקליבן האָט ער פּעני צו פּעני און פאַר זיך גאָר נישט נישט אויסגעגעבן. געגעסן האָט ער נאָר דאָס, וואָס מען האָט אין „קאָמפּאַונד" געגעבן. ווען די צוויי יאָר זיינען פאַרביי, איז ער ווייטער געבליבן ביי דער אַרבעט: אָקסן זיינען טייער, און ער האָט נאָך ווייט נישט געהאַט קיין געלט אויף פינף און צוואַנציק אָקסן.

ער האָט געאַרבעט ווייטער, און אין אַ שיינעם טאָג, נאָך דעם ווי דער דאָקטער פון דער גאָלד־מינע האָט די שוואַרצע גאָלד־גרעבער אונטערזוכט, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער מוז פאָרן צוריק אַהיים, ווייל ער איז קראַנק און טאָר מער נישט אַרבעטן אין די גאָלד־גרובן. מיט דעם אָפּגעשפּאָרטן ביסל געלט איז ער שוין דעמאָלט געווען בכּוח צו קויפן די גאַנצע צאָל אָקסן, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיין כּלה, אָבער ווען זיין משפּחה האָט גענומען רעדן מיט אים וועגן דער חתונה, האָט ער קורץ געענטפערט, אַז ער וויל נישט.

גערעדט האָט ער ווינציק; גאָר נישט נישט דערציילט פון דער גרויסער שטאָט. נישט דערציילט אפילו, פאַרוואָס ער איז איצטער געקומען צוריק אַהיים.



זיין כּלהס פאָטער איז געקומען, מען האָט גערעדט וועגן דער חתונה, אָבער ער איז געזעסן און געשוויגן.

מען האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אָנגעוויזן אויף די קעפּ, זייערע אייגענע „מוטו־דאָקטוירים" זיינען געקומען. מען האָט געפּרוּווט אַרויסטרייבן די שדים, וואָס האָבן זיך משמעות אַריינגעכאַפּט אין אים דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט פון די ווייסע. אָבער ס'האָט גאָר נישט געהאָלפן.

איינער אַליין פלעגט ער אָפּזיצן זיינע טעג לעבן זייןביידל און מיט קיינעם נישט גערעדט, ווינציק געגעסן, און מען האָט באַמערקט, ווי ער ווערט מאָגערער און קראַנקער פון טאָג צו טאָג און אַז זיינע וואָכן זיינען געציילטע. אויך זיי — זיין משפּחה און די אַרומיקע — האָבן זיך געוואונדערט: וואָס אַזוינס האָט מען אים געקענט טאָן דאָרט אין דער שרעקלעכער שטאָט פון די „מילונגעס"?

איך, אָבער, האָב יאָ געוואוסט, וואָס פאַר אַ שלעכטס מען האָט אים געטאָן אין די טיפע מינעס. דער שטיין־זאַמד אונטער דער ערד האָט אים „טייסעס" פאַרשאַפט, האָט אים די לונגען דורכגעלעכערט. און איצט האָב איך אויפן נאָענטן האָריזאָנט פון דער אָנקומענדיקער נאַכט צוריק דערזען די הונדערטער שוואַרצע גאָלד־גרעבער פאַרבייגייענדיק אַזוי מיד און צעבראָכן. ווער ווייס, וויפל פון זיי זיינען געווען קרבנות פון די זעלביקע „טייסעס", ווי יענער זולו, וועלכן איך האָב געטראָפן אין וואונדערבאַרן „טאָל פון טויזנט בערג". יעדער איינער פון די פאַרבייגייענדיקע האָט דעם זעלבן אויסגעלאָשענעם בליק געהאַט. דו האָסט מיך געפרעגט, וואָס האָט מען זיי געטאָן אין דער טיפעניש פון דער ערד? און איך האָב דיר געענטפערט: איך ווייס נישט.

האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם שטאַרבנדיקן זולו, און דער ענטפער איז צו מיר געקומען.

— אויסגעברענטער קאַרביד־אַש, אַט פאַרוואָס עס איז אויסגעלאָשן זייער בליק, אויסגעלאָשן זייער לעבן...

מענטשן ווילן גאָלד, און גאָלד קען מען קריגן פאַרן פּרייז פון מענטשלעכע לונגען. באַקומט מען גאָלד און מע ברענט לונגע און עס גייען אַרויס פון די טיפע ערד־גרובן פאַרלאָשענע לעמפּלעך מיט טויטן אַש...

שמואל וואַהייט

## נ ו י ט

איך קען ניט זינגען פון נויט,
מיר האָט קיינמאָל געפעלט ברויט,
כ'קען אויך ניט זינגען פון פרייד,
ווייל געווען מיין לעבען פול מיט לייד,
זינג איך פון לעבענס מאַטער,
פון לייד און פיין — אַ זאַטער...

## א. נ. שטענצל

# „. . . הערן שריפטשטעלער"

צוריקגעקומען אין האטעל ביים שטעטינער באנהאף, איז גארנישט געווען אזוי לייכט די נאכט אדורכצושלאפן — די דרייסיק דאלאר אין טאש, די זעקס פאפירלעך פינף דאלאר־שטיקן — די לאקשן! — האבן מיר מער דעם קאפ צעדרייט ווי די אייטערדיקע גריזשלעס אויפן קארק... מילא, מיט די גריזשלעס גיי איך אין דער פרי אין „שאריטע": יא־יא, נשט־נשט! אבער מיט דער מאטניא? מיטן האנאראר?

גיין אין באנק אויסטוישן אויף רייכסמארק, וואס בין יום ולילה זענען זיי נישט ווערט קיין דריטל? אויפזוכטן א קאוויארניע, א שענקל און נעמען אויפן שווארצן מארק דריימאל אזויפיל?

אפשר נעמען דעם גאנצן „קאפיטאל" און אים אוועקגעבן שיען, וואס ענגט זיך תמיד אין מזומן, און אים זאגן: „לייג עס אריין אין דיינע ‚פעקלעך' און צאל מיר אויס יעדע וואך א מינימום, זאגן מיר כך וכך?... אדער נאך בעסער גאר טאקע ארויפגיין צו שמואל לעווין און „זיין שיינדעלע", וואס פארעט זיך ביי די פארעדיקע טעפ ביים גאז־אויוון, געבן די פאר „לאקשן" און מיך אנידערזעצן „שאפן"?...

דו זעסט דאך בפירוש — פאלן מיר די אויגן צו און רייסן זיך צוריק אויף: דו זעסט דאך בפירוש, אז דו ביסט א שריפטשטעלער, א פאעט — פאר צוויי לידלעך אנגעשריבן אין איין כהרף עין —

ניין, אין דער אויגוסט־שטראסע טאר איך מיך נישט באווייזן. גוסטא טאר מיך נישט זען...

ניין, ס'זענען נישט די גריזשלעס אויפן קארק... עס איז טיף אין מיר, טיף אין מיר... אזא גריזשעל אין הארץ, וואס וועט אויפברעכן און אנהייבן צו אייטערן... שוין אין דער היים איז עס געווען ווען אונטער דער אנדערער זייט זאשע האט געשפילט די פיאנא... און וואס איז געווען אין אמסטערדאם־טוועלא, גרויניגגען־דארטמונד? שוין אפילו אין סאסנאווצע! טאקע דעמאלט זיך אנגעהויבן — — — די אויגן פאלן מיר צו:

...כ'זיץ מיר ווייטער אין דער מלינה, האב מיר אן אדרעס אין דער מולאק־שטראסע און אויפן הארץ האב איך מיר א בייטעלע און ווען איך וויל נעם איך מיר ארויס דאס נויטיקע... קודם לייען איך אין דער אראניענבורגער־שטראסע אויבן אין דער ביבילאטעק גאנץ פרישמאנען אדורך אין יידיש און אין העברעאיש — כ'חלום כ'שטיי שמירה ביים בר־מנן! בין איך דען נישט אויך א שרייבער, א הערן שריפטשעלער?...

אפנים מיך ווארפנדיק אהין־אהער בין איך דאך איינגעשלאפן. מיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען גרויסער טאג. דאס גערודער פון דער גאס, דאס פייפן פון די באנען. כ'האב מיך שנעל אנגעטון, ארומגעוואשן. צום צימער קומט מיר נאך א פרישטיק. שנעל אפעסן און גיין אין „שאריטע". קודם, דאס



ערשטע הערן וואס א דאקטאר וועט זאגן. דערווייל אויף א פאר טאג איבער שבת און זונטאג וועט סטייען די שכירות, וואס מיטגעבראכט פון דארף.

אויפן טיש ליגט א קאטאלאג, אזא מין אנאנסן־מיטטיילונג פון אינטערנאטן, האלב־בעסערע פענסיאנען. ווארטנדיק אויפן קאפע, בלעטער איך דערווייל: רעקאמענדאציעס. דרויסן אין דער נאטור, ביים זעע, אינמיטן וואלד, דירעקטע פארבינדונגען אונטערגרונט, שטאט־באן, טראמוואי. גוט בירגערלעך. אמעריקאנער דירעקט פאר דעוויזן. פארנעם, פולע פענסיאן.

די אלע נעמען פון די פארשטעט זענען מיר אומבאקאנט. אבער דא קומט גאר גרויס, מיט גרויסע אותיות: פאטסדאם! די שטאט פון פרידריך דעם גרויסן, סאנסוסי, די האפל, פאלאצן, פארקן — קעניגלעך, מאיעסטעטיש.

פאטסדאם איז מיר באקאנט. שוין פילמאל געוואלט אהינפארן, די גאלעריע דארט, דער סאנסוסי פאלאץ. איך שרייב מיר אראפ אן אדרעס. א בירגערלעכע פענסיאן, פינף מינוט פון באנהאף: אין א האלבער שעה דירעקט מיטן אין בערלין — נאטירלעך אמעריקאנער, פאר דעוויזן.

דרייסיק דאלאר — דרייסיק וואכן! פאטסדאם איז א שטאט, ס'איז דא א שפיטאל! און אז א פריוואט דאקטאר, איז פינף וואכן וויניקער... וואס מ'קאן נישט אלץ אפטון אין א האלב יאר...

כ'בין שוין אויפן באנהאף פרידריך־שטראסע, אין א שעה בין איך אין פאטסדאם. כ'קלינג אן אויף דעם אדרעס און מען דערפריידט זיך מיטן אמעריקאנער גאסט. מ'פרעגט מיך אפילו נישט וועגן מיין געפעק, וועגן א פאס. מען ווייזט מיר דאס צימער און מ'געט מיר א שליסל.

הכלל, וואס האב איך יעצט צו טון? ארונטערגיין מיך לאזן ראזירן, קויפן א העמד און געפינען א דאקטאר.

די גאסן זענען ריין, שטיל, פריש אויסגעקערט. מ'זעט נאך אן די פייכטע פלעקן פון וואסער, וואס מ'האט פריער אויסגעשפרענגט — אזא לופטיקע געמיטלעכקייט! דאס קלינגען פון א טראמוואי אין א נאנטער גאס איז ווי א זייגער וואלט זיך צעקלונגען אין א צווייטער שטוב. די מענטשן גייען פאמעלעך און ריידן ווי מיט א ניגון, ווי דורך זיידענע טיכלעך: „גוט מאיען, גוט מאיען, גוט געשלאפען?" מען נייגט זיך, מ'ציט די היט, מ'קלאפט די אפצאסן צוזאם: „גוט מאיען דעם הערן שריפטשעלער"! — איך שטעל מיך אפ: פונקט קייגנאיבער א שילדל פון א דאקטאר; ביז צו דער שפרעך־שטונדע איז נאך איבער א שעה.

כ'בין אפראזירט, צוריק ארויפגעגאנגען אין פענסיאן אנטון דאס נייע העמד און כ'זיץ שוין אין ווארטע־צימער.

ס'איז גארנישט מיט גארנישט! „פארונקלס!" מ'ברויך אפילו נישט אויפצוהאקן, פלאסטערן זיי ווייך צו מאכן, זיי אייטערן שוין. נאך צוויי־דריי באזוכן, די קראנקען־שוועסטער וועט שוין באזארגן. „יא, אירע אדרעסע האבע איך שאן פאן די שוועסטער. אויף ווידערזעען, הערר שריפטשטעלער".

איך בין אראפגעגאנגען פון דאקטאר — א ליכטיקע וועלט! דער הימל

טאפּלט מאל אזוי בלוי ווי ר׳איז געווען... „אויף ווידערזעען, הערן שריפט־שטעלער“, לאָך איך איבער צו מיר, צו מיר, איבער דער וועלט?

אבער בין איך דען נישט קיין שריפטשטעלער? די באַווייזן ליגן דאָך אין דער הויזן־קעשענע! צייל איך מיט די פינגער אין די זעקס לאָקשן. און אין בוזעם די נייע לידער וואָס זענען? איך ברויך נאָר צו באַשטעלן בלויז פּופּציק וויזיט־קאַרטן דאָ אין געשעפט: „הערר שריפטשטעלער“ אזוי און אזוי... איך גיי אריין —

דער באַנדאַזש ארום האַלז און נאַקן איז געווען אזוי קונציק געמאַכט, אז מ׳האָט אים גאַרנישט אַרויסגעזען. כ׳האָב נאָר געמוזט צוקנעפּלען דאָס העמד ביז אַרויף. האָב איך געקויפט א פּאַסיקן קראַוואַט, אים אָנגעטון און אַרויס.

צוויי שעה איז נאָך געווען ביז צום מיטאָג און אזוי גייענדיק גאַס־אויס גאַס־איין, בין איך שוין געווען הינטער דער שטאָט, דרויסן ביי דער האַפל, ביים אָפענעם זעע. כ׳בין אַריין אין א קאַפע דירעקט ביים ברעג.

די מאַיעסטעטישע שיינקייט האָט נישט נאָר די אויגן פאַרגאַסן, נאָר מיך איינגאַנצן: די פּראַכט־דאַמפּערס שווער־באַלאָדענע אין הינטערגרונט, ציען אַלץ ווייטער און ווייטער, די פּראַכט־דאַמפּערס פון פאַרנט, קומען אַלץ נענטער און נענטער. די וועלן וואַשן נישט נאָר דעם ברעג, נאָר אין מיר עפּעס וואַשט עס און וואַשט עס ווי מיט א שעה צוריק די קראַנקען־שוועסטער דעם אייטער פון „פאַרונקל“...

ווען כ׳בין אַהיימגעקומען, איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. די אַלטע דאַמען, די צוויי שוועסטערן, די אייגנטימער פונם פּענסיאָן האָבן געוואַרט אין איין שרעק: ווער ווייסט וואָסער פאַרשוין, געגעבן א שליסל, קיין געפּעק, קיין איין טשעמאָדאַן צומאָל... עפּעס א שמוציק העמד ליגט אויפן בעט, א פאַרבלוטיקטס, א פאַראייטערטס — א געפאַר עס אַנצורירן! אַן אַמעריקאַנער? ווער ווייסט פון וואו ערגעץ? אז בערלין איז פאַרפּלייצט מיט זיי... זיי שווימען שוין אַן דאָ אין אונזער קייזערלעך־קעניגלעכן פּאָטסדאַם...

ווען זיי האָבן מיך דערזעען (הערנדיק דרויסן דעם שליסל אין טיר, זענען שוין ביידע אַרויס ווי צוויי דערשראָקענע אינדיטשקעס אין קאָרידאָר), זיי האָבן געזוכט מיט די רויט־פאַרשלאָפענע, דערשראָקענע אויגן א פאַלטן פון דער האַנט מיר צו נעמען, א הוט, אַן אַקטן־טאַש, א שירם... גאַרנישט זעענדיק, האָט איינע אַריבערגעהאַלדערט צו דער אַנדערער:

„יאָוואָל, יאָוואָל, אונזער ליבעס פּאָטסדאַם“. דער גאַרניזאָן, דער פּאַלאַץ“...

„יאָוואָל, יאָוואָל, די האַפל, דער הערלליכע וואַנזעע“...

מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, פריש ראַזירט, אין דעם שיינעם, בלויען העמד צוגעקנעפּלט ביז אַרויף, אין דעם צוגעפּאַסטן, נייעם שניפּס, מיך דערזעענדיק אזוי אינעם קאָרידאָר־שפּיגל, האָב איך געמורמלט צו מיר: „יאָוואָל“, יאָוואָל, הערן שריפטשטעלער“. און אַרויסנעמענדיק א האַנט פון



טאַש מיט א פינף דאָלאַרדיק פּאַפּירל און שוין ווי זיי מאַיעסטעטיש געהאַלדערט: „יאָוואָל, יאָוואָל, ס׳ווירד זיין פאַר פינף וואָכן פאַראויס“.

זיי זענען ביידע שטיל געוואָרן אינמיטן זייער: „יאָוואָל, יאָוואָל“ און זיך אָנגעקוקט מיט פאַרגלייזטע אויגן־אַפּלען פון די מיד־פאַררויטלטע ווייעס אַרויס.

* * *

אָנגעקומען שוין אין דער לעצטער מינוט, קיין גאָר גרויסער עולם איז אויפן בית־החיים נישט געווען — מ׳איז געשטאַנען אין קופּקעלעך. דאָ אַפּאַר אין זיידענע צילינדערס, מסתם אַפּיציעלע ווי דעלעגאַטן פון יהודימשע אינסטיטוציעס. צווישן די ערשטע שורות פון שוואַרץ־גראַניטענע און ווייס־מירמלשטיינערנע מצבות, מיט גאָלדענע אותיות, וואו דאָס אָפענע קבר וואַרט אויפן מת־טהור מ׳זאָל׳ס אַרויסברענגען פון טהרה־שטיבל, דרייען זיך אַפּאַר עלטערע קאַלעגן און לייענען קורצזיכטיק און טענהן מיט העכערע טענער צי די קרקע איז טאַקע לכבודו. אין דער זייט, אין דער אַלעע די חברה מוזן זיין סטודענטן, סעמינאַריסטן, העברעאישע לערער: זיי זעען אויס מיט די אַרויפגע־כאַפּטע קאַפּעליושן אויף די טשופּרינעס, מיט די שפּיציקע פּלייצעס ווי פאַר־זעסענע ישיבה־בחורים.

דאַכט זיך איינעם דאַרטן דערקען איך. די אַקטן־טאַש פאַרקוועטשט אונטערן אָרעם, די אייגעלעך סווישטשען, דאָס קליינע נעזל דרייט זיך און דרייט זיך און ס׳הערט נישט אויף צו ריידן:

„סאַראַטוסטראַ, סאַראַטוסטראַ, סאַ־ראַ־טוסט־ראַ — — —

שוין בין איך ביי אים און וויל אויסשרייען: „וויינטרויב! — גייט מיר אַקעגן ד״ר עליאַשעוו מיט א פּאָר שיינענדיקע, פינקלענדיקע אויגן, גלאַט ראַזירט, פריש פּראַזירט און אַלץ ביי אים דווקא ווי נישט צו קיין לוויה.

„מאַלאַדיעץ, דאָך געטראָפן!“ ער נעמט ערשט אָן א פולן אָטעם, אבער שוין טראָגט מען דעם נפטר און אין שפּיץ פון די דעלעגאַציעס און העברעאיש־שרייבערישע באַרימטקייטן גייט טאַקע שניאור, הויך, ברייט, שוואַרץ אין זיין גאַנצער פּאַרם. אבער דאָך א פאַריתומטקייט ליגט אויף זיין שוואַרץ, עלעגאַנט לאַפּאַטע־בערדל.

עליאַשעוו כאַפּט מיך אונטערן אָרעם ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן און וויל זיך ביי וועמען אָנהאַלטן. איך שפּיר דעם ציטער פון זיינע פינגער. גייענדיק מיט די מלווים, הער איך ווידער ווי דער איינער פּוס זיינער שלעפּט זיך נאָך...

מיר זענען געבליבן שטיין דירעקט ביים אָפענעם גרוב צופוסנס.

בשעת די קורצע הספּדים, די צערעמאָניע, שפּיר איך כסדר בליקן אויף מיר: צווישן די אַלע שוואַרץ־באַשניפּסלטע, באַקאַפּלטע שטיי איך אין בלויזן קאָפּ, אין מיין העל־בלויען, נייעם שניפּס — שניאורס שוואַרצער בליק גיט מיר א שניט! ער איז דער איינציקער צווישן עולם וואָס ווייסט ווער איך בין און כ׳זע ממש ווי זיין פאַרפומירטע, גלאַנציקצוגעגלעטע וואַנסע באַוועגט

זיך : פרא אדם !

ס׳וואלט זיכער עמיצער פונם עולם מיר דערלאנגט א קאפל, אבער עליאשעוון האבן אלע געקענט און זיי זענען געווען זיכער, אז דער מאדנער פארשוין, אין וועלכן דער בלאס־געווארענער ווי קאלך, — אן אויסגעהונגערטער אין די הונגער יאר אין מאסקווע, — האלט זיך אן, איז מסתם א באלשעוויק, א פארטיי־שומר, א קראנקען־וועכטער, מיטגעקומען פון מאסקווע מיטן קראנקן בעל־מחשבות, דעם בארימטן יידישן קריטיקער . . .

איך זוך דאס סטודענטל : די אקטן־טאש פארקוועטשט מיטן שפּיציקן עלנבויגן, קאן איך נישט זען, אבער דאס נעזל דרייט זיך נאך אלץ ארײַן און א הויכע פלייצע פון א לענגלעכן בחור און מיר דאכט זיך ווי כ׳הער פליסטערן : „סאראטוסטרא, סא־רא־טוס־טרא“, און ווי דער נפטר וואלט דאס טאקע געווען סאראטוסטרא כביכול גופא, נישט דוד פרישמאן, דער איבערזעצער פון ניטשעס „סאראטוסטרא“ . . .

כ׳דערהער דעם ערשטן שאוול ערד אויפן ארון און שפּיר ווי די האנט פון ד״ר עליאשעוו ווערט לעבעדיק און ציט זיך ארויס פון אונטערן מיין ארעם. דער עולם הייבט זיך צוצעגיין און עילאשעוו נאך אלץ צופוס קוקט מיך אן מיט אפּאר פינקלדיקע אויגן און א פארשפּיצטער שמייכל באווייזט זיך אויף זיינע שמאָלע ליפּן און דאכט זיך ווי דאס פּיצעלע וואנסעלע קוקט אויף מיר ווי א ווינקענדיק דריט אויג : „איר זעט“, ווייזט ער מיט א פינגער צום האלב־שוין פארשאטענעם ארון, „איר זעט, דא ליגט ער. ער וועט שוין תחיית המתים נישט מער אויפשטיין“ . . .

ער שטייט נאך אלץ ; דאכט זיך מיר ער וויל נאך ריידן ? אדער מיינט ער, אז ער האט שוין צופיל גערעדט ? . . .

ער דרייט זיך נערוועז שנעל אויס ! הינטער אונז שטייען דריי מענטשן, וואס ווארטן אונז אפּנים טאקע אפּ.

און אפשר האבן זיי אונטערגעהערט ? ! אבער גאנץ אויפגעלעבט ווי איצט ערשט, וואלט ער געקומען צו זיך נאך א שטארקער מיגרענע, דערפריידט ער זיך מיט זיי :

„כ׳האב אייך געזאגט, אז ער וועט דא זיין“, און צו מיר ווענדט ער זיך : „דאס איז דער פּאעט קולבאק און די אנדערע זענען אייערע פּוילישע. כ׳גיב אים אייך איבער, אבער מאכט נישט פון אים קיין לייט . . . דאס איז אזא קרייטעכטס, א מין געוויקס, וואס מוז שוין בלייבן ווי ס׳איז“ . . .

כ׳שפּיר אויף מיר א האנט, ס׳איז א האנט פון איינעם פון די פּוילישע און א שטראלנדיק פּנים קוקט מיך אן מיט צוויי ווארעמע אויגן ; צוויי ליפּן פולע, זאפטיקע, כאטש ארויפצופאלן אויף מיר און מיך צו קושן — דאס איז געווען דער יונגער אבער דעמאלט שוין בארימטער מאלער יאנקל אדלער.

עליאשעוו מערקט עס מיט הנאה און רעדט שנעל צו די אנדערע : „אויף מיר ווארטמען דרויסן, פון דא פאר איך דירעקט צו דער סטאציע. איך



פאר נאך באד־נויהיים. איך מוז מיר היטן די ביינער“. פאלט ער צוריק ארײַן אין א מין געמאכטער, פריקרער שטימונג : „איר זעט דאך וואס עס ווערט פון א קריטיקער“ . . . ער וויל זיך אויסדרייען און אנווייזן אויפן פריש אנגעשאטענעם בערגל ערד, אבער ארומגערינגלט פון אונז פיר, וואס באגלייטן אים צום אויטאמאביל, ווערט ער ערשט ריכטיק גוטאויפגעלייגט און ארויסציענדיק דאס שנירל מיט דער פענסנע, אנטוענדיק זי, ווי בעסער אנצוקוקן דעם צו וועם ער רעדט :

„קולבאק, איר זעט דעם טשעמאדאן, וואס כ׳פיר מיט נאך באד־נויהיים, דא ליגט אויך אייער ביכל צוזאם מיט לייוויקס און יוסף אפּאטאשוס ציגעשיקטע ביכער. איר ווילט דאך בעסער זען מיין מיינונג איבער אייך ווי הערן“ . . . און זיך הייזעריקלעך צעלאכנדיק פון זיין פיינעם זאג, איז ער לייכט ווי א יונגערמאנטשיק ארײַן אינם אויטאמאביל, נאך צוּוואָרפנדיק אונז מיט דער האנט א „זייט געזונט“.

די גאנצע צייט האט יאנקל אדלער גארנישט גערעדט, ער האט זיך בלויז פארגעשטעלט, זיין נאמען געזאגט און מיך געפרעגט אויף מיינעם, כ׳מיין דעם יידישן נאמען — ער האט מיך אדורכגענומען מיט דער גוטסקייט און ווארעמקייט פון זיינע אויגן.

איך האב דערווייל צייט געהאט מיך איינצוקוקן אינם דריטן, וואס האט געקוקט אויף מיר מיט אפּאר וויציקע אייגעלעך : אן אויסגעצויגענער, א לאנגער, וואס האלט אין איין סמאטשקען מיט די ליפּן אזא פּייקעלע — ס׳איז אבער געווען די איראניע, וואס איז אים אראפּגעהאנגען ביז צו דער גאמבע ; די ליפּן סמאטשקען און די אויגן קוקן צעוויצלט אויף מיר און אדלערן.

וואס אמת איז אמת, יאנקלס הלבשה איז באמת געווען קאמיש. איבער די געל־סאמעטענע קינסטלער־הויזן ארויפגעכאפּט א מין שווארצן סמאקינג, מיט זיידענע לאצן דעם נאקעטן האלז ארומגעוויקלט מיט א פארביקער פּאטשיילע און אין זיין אויסגעבראכענער פרייד איצט צו מיר אגיל־ואשמחדיק, נידריק־קיילעכדיק ווי ער איז, האט ער אין שווארצן בויל־הוט אויסגעזעען באמת קאמיש.

קולבאק איז צו אונז צוגעקומען און אין זיין גוטער שטימונג ווי ר׳איז איצט געווען, א טראציקער א פולער, ווי אויסצושיסן ; דעם קאפּ פון הוט באפרייט, א פאסמע אראפּגעפאלן איבער די אויגן נישט קיין יידישלעך געקרייזטלער לאק, נאר א מין ווילערישע, א מין שייגעצוואטע גלאטע :

„אזוי, איר זענט דאס די מציאה, וואס שניאור האט אויסגעפונען ? . . . די „אוממיטלבארקייט זעלבסט ?“ אבער לאמיר בעסער ריידן פון די, וואס זענען נישטא. איר האט אים געזען ווי ער האט אויסגעזען ווען ער האט אזוי פארויס מארשירט ווי דער צערעמאניען־מייסטער ? כאטש אויפן בית־עולם ווערן די פּאעטן עכט . . . אין זיינע גרויסע באלאדן איז שניאור א מוילאייזל אין א לייבן־פעל אנגעטון“ . . .

„ווארט, ווארט, אלץ אויף איינמאל אויסשיסן אזוי גייענדיק, איז דאך

טאקע רכילות. ווי שטייט טאקע דארטן געשריבן: לא תלך רכיל... אנדערש איז געמיטלעך ביי א טישל. עס פארדייעט זיך אנדערש ס׳טעפעלע קאווע דעמאלט, ס׳איז ווי מיט סמעטענע, מ׳האט אן הנאה״...

„די וועלט שמועסט דאך, אז איר האט פולע קעשענעס מיט דאלארן, נו, האבן מיר דאך שוין א מעצענאט פאר דער פונדע״, האט זיך פריילעך ארייגעמישט דער דריטער. און זע עס שאקלט זיך אים טאקע א פייקעלע, אן אמתדיק פייקעלע, איבער דער מעלאנכאלישער גאמבע —

דער דריטער איז געווען דער דריגענט פון דער אראניענבורגער סינאגאגע און קאמפאזיטער פון יידישע לידער ישראל גלאטשטיין.

און מיר האבן זיך אזוי געשלעפט א גאנצן נאכמיטאג פון א קאפע אין א רעסטאראן, פון רעסטאראן — א גלאז ביר נאכגעטרונקען — אין א קנייפע. צוקומענדיק אזוי מיט דער שענהויזער־אלעע צו דער גרענאדיר־שטראסע, האב איך שוין, ווי אן אייגענער, א פערטער אין דער חברה, ארייגעפירט צו יאנטלען אויף געפילטע מילץ מיט ווענפלעך.

ביי דער נאכט „אהיימגעקומען פון דער לוויה״ אין ראמאנישן קאפע, האט יאנקל אדלער ווי א תושב אין דעם קינסטלער־קאפע אונז פארבעטן צו א טישל און אויסגערופן: הערר אבער, פיר שטארקע, שווארצע״.

מידע, זאטע, זיפנדיקע דעם הייסן קאפע, האב איך פון דער זייט אין פראפיל באטראכט קולבאקן: אפעס אזא טונקעלער, אבער אלץ שיינט פון אים ארויס אזוי עלפנביינערדיק־קלאר. ווי די באקן־ביינער סטארטשען אים ארויס אזוי ליכטיק קלאר פון דער טונקלער הויט... דאכט זיך א מרה־שחורהדיקער. די ליפן פארבייסן זיך אים נאך יעדן זיפ, אבער זיי זעען אויס ווי ר׳וואלט געוואלט עפעס זאגן — ווי דער גיבלדיקער שטערן רייסט זיך דאס אים פון די שטילע, טיף־צעשורהטע שטערן־פאלטן.

איידער מיר האבן די קאווע דערזופט, קומט צו דער „הערר אבער״ מיט א צעטעלע און דערלאנגט עס אדלערן.

אויף א פאפירן סערוויעטקעלע איז געווען געצייכנט מיט אייניקע פלינקע שטריכן א בילד פאכאזשע אויף מיר און אונטן צוגעשריבן: „האמיד״! מיט גרויסע, ווילדע אותיות: „איך וויל אים קענען לערנען! פרינץ יוסוף״.

יאנקל האט זיך א כאפ־אויף געגעבן א באגייסטערטער און גענומען קוקן פון וועלכן טישל דאס צעטעלע איז געקומען, וואו זי זיצט.

קולבאק האט אוועקגעשטופט דאס נאך נישט דערזופטע טעפעלע קאווע: „עפעס א צעדרייטע יידענע און מאכט אלעמען משוגע״. יאנקל האט געמאכט א באוועגונג ווי זיך געוואלט ווארפן אויף אים: „הערסט, טרוקענער ליט־וואק״, — אבער דעם זאץ נישט געענדיקט. גלאטשטיינס אייגעלעך האבן נאך וויציקער געקוקט דא באטראכטנדיק מיך, דא די צייכענונג, דא קולבאקן מיט יאנקלען און זיינע איראנישע ליפן האבן אונטערגעברומט א טאן פון זיין באליבט קאמפאנירט ליד: „די זון פארגייט אין פלאמען״.

„הערסט, קולבאק, דו האלטסט נאך נישט אזוי ווייט, וועסט נאך גיין



דורך פייער און פלאמען״... האט אדלער געענדיק גוטמוטיק און געקלאפט קולבאקן איבער דער פלייצע.

* * *

איך בין שוין מיטן לעצטן צוג נישט אהיימגעפארן. כ׳האב געמוזט ווארטן אויפן ערשטן צוג. די זון איז שוין געהאט לאנג אויפגעגאנגען. מאיעס־טעטיש־וואונדערלעך איז די זון געשטאנען איבער דער האפל, איבערן מיט פלאמען־צעגאסענעם וואנזעע. כ׳בין דעם גאנצן וועג געשטאנען ביים וואגאן־פענסטער, געקוקט און געזעען אלץ דעם ווילדן טרויער פון אירע אויגן: די חיות־הקודש האבן מסתם אזעלכע אויגן ווען זיי הערן דאס געוויין פון דער שכינה...

ווען כ׳בין אהיימגעקומען, האב איך אויפגעשריבן א ליד „עלזע לאסקער־שילער״ וואס איז, אין 1926, געדרוקט געווארן אין דער „וועלט־בינע״ אין ד״ר זוהלס איבערזעצונג צום פופציקסטן געבוירנטאג פון דער בארימטער דיכ־טערין. דאס ליד אין יידיש האב איך נישט, פארלוירן געגאנגען ווי צענדליקער מיינע געדרוקטע אין ד״ר זוהלס דייטשער איבערזעצונגען.

אייניקע שורות געדענק איך פון ליד. זאלן זיי דא אויפגעשריבן בלייבן:

איך בין דאס דער וואס טרייב די זון פאר דיין פענסטער,<br>
גאנצע נעכט פלעכט איך בייטשן;<br>
און טרייב די זון פאר דיין פענסטער.

## ח. נ. בענקוויטש

## יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן

### ג. הרב הגאון ר׳ אביגדור חייקין

ער איז געווען א גרויסער ייד, א ליבער מענטש, א עניו און ציוני בלב ונפש. ער איז געווען דער רב פון פעדערישאן שולן, געדאוונט אין אלדקאסל־סטריט שול, נוסח האר״י.

פלעג איך זעען זער אפט ווי ער לערנט עין־יעקב כמעט יעדן אוונט. דער חדר־שני, וואו ער האט געלערנט, פלעגט זיין פול מיט צוהערער. ער האט פארפאסט א ספר־ציון אויף רש״י און אויף ענגליש „סעלעברײשאנס אוו דהי דזשוס״.

ווען די באלפור־דעקלאראציע איז פראקלאמירט געווארן האבן אייניקע פון אונזערע מנהיגים פראטעסטירט און זיך אונטערגעשריבן קעגן אט דער דעקלאראציע, צווישן זיי איז געווען לארד סווייטלינג, דער פרעזידענט פו די פעדעריישאן־שולן.

און אט דער גרויסער רב איז געווען אנגעשטעלט ביי דער פעדעריישאן! יידן פראטעסטירן קעגן די דאזיקע מנהיגים. געדענק איך ווי מיר אין אונזער שול האלטן אן אסיפה און יעדער ייד, איבערהויפט די ציונים, ריידן אויס זייער ביטערקייט קעגן דעם לארד סווייטלינג; מיין פאטער, ע״ה, בתוכם. איז איינער א ייד, אברהם יצחק פ., ארויס מיט אזא טענה. היות אונזער חשובער

רב חייקין איז אונטער דעם לארדס רשות, טארן מיר ניט מאכן אזא טומל. עס קען שאדטן דעם רב. און ווען מ׳האט דאס געלאזט וויסן דעם חשובן רב, האט ער זיך געפילט באליידיקט פון דעם און געזאגט, אז ער אליין וועט געבן זיין חתימה קעגן די דאזיקע מנהיגים.

ער פלעגט אפט מאכן וויצן וועגן זיך אליין. אט איז איינער פון זיי: „פון מיינע דרשות — האט ער דערציילט — טון יידן תשובה. איך האב אמאל געדרשנט אין דיוקס־פּלייס שול, זע איך עס קומט אריין א ייד. קוקט זיך ארום ווער עס דרשנט. קענטיק, ער איז געווען קורצזיכטיק. ער קומט צו גאנץ נאענט, דערזעט איך דרשן. האט ער גלייך שובה געטון. עס הייסט, ער איז צוריק ארויסגעגאנגען״.

ער איז אויך געווען א דיין פון בית־דין.

הרב ר׳ אביגדור חייקין איז אוועק לארץ־ישראל און דארט נפטר געווארן.

## משה דאמב

## צו מאקסים גארקי׳ס 100׳סטן געבוירן יאר

אלע שרעקליכסטע צרות וואס א מענש קען נאר איבערלעבן, האט גארקי איבערלעבט, אין זיין בוך „מיין קינדהייט״ שרייבט ער ווי אזוי זיין בייזער זיידע האט אים אנגעטון צרות, קוים אנגעהויבן גיין אין שולע ווערט ער קראנק אויף פאקן, נאך דער קראנקייט גיט אים דער זיידע אוועק אלס לערן־ייגגל צו א שוסטער, קאכעדיק וואסער בריען אפּ זיינע הענט, אנטלויפט ער פון שוסטער און פון שלעכטן זיידן, ער ווערט א לערן־ייגגל ביי צייכנער, פון דארט אנטלויפט ער און ווערט א קוך־העלפער, דער קוכער האט געקענט לעזן און שרייבן, ער לערנט גאר לעזן און שרייבן, ווען ער האט געקענט לעזן און שרייבן פארט ער קיין אים קאזאן אין קאזאן באקומט ער א ווילדן חשק צום לערנען און שטודירן, שפּעטער שרייבט ער: צו קויפן וויסנשאפט איז ניט געווען מיט וואס... ער ווערט א בייגל־בעקער, אט די צייט איז געווען די שווערסטע צייט פאר גארקין, ווי ער באשרייבט אין זיינע ערציילונגען: קאנוואלאוו: זעקס און צוואנציק און איינע: ער ווערט א טרעגער, א פּאקער, זעגט האלץ, לעבט מיט שלעפערס, בראדיאגעס, אלע זענען געוועזענע מענשן, אים ציט צו דער אונטערוועלט ווו סע לעבן הונגעריקע און נאקעטע חברה, דעם שמוץ האט ער געלערנט ניט בלויז פון צוקוקן זיך צו די חברה, נאר ער לאזט זיך אראפּ אין אירע וויטסטע אופגרונדן, ער לעבט איבער זייערע ליידן און פריידן, דארט אין יענע גריבער אין יענעם שטוץ האט ער געפונען זיינע העלדן, אפּגעריסענע אפּגעשליסענע פון דער געזעלשאפט, אבער דאך מענשן מיט רייכע אלזייטיגע געדאנקן, מיט רייכע און פארשיעדענארטיגע שטימונגען.

אין זיין בוך: מיינע אוניווערסיטעטן: באשרייבט ער ווי אזוי ער וואנדערט איבער קאזאן מיט א חברה בראדיאגעס סע ווערט אים שווער צו



לעבן שיסט ער זיך א קויל אין די לונגען, זיין שטארקער גוף האט אלעס אויסגעהאלטן, נאכדעם ווערט ער אן עפל הענדלער, א וועכטער, ער וואנדערט איבער בעסאראביע, קרים, קובאן, ביז טיפליס ווי ער ארבייט אין א באן פּאבריק, דארט אין טיפליס דרוקט ער זיין ערשט ערציילונג: פאקאר טשודרא: די ערציילונג מאכט אים בארימט און די רוסלאנד וואנדער־יארן — האבן זיך געענדיגט, ער שרייבט כסדר ביז דער שרייבערישער בארוף מאכט אים בארימט איבער דער גאנצער וועלט. פארוואס ווערט ער אזוי בארימט?

אין זיינע ווערק: אין אפגרונט: דריי: מיינע אוניווערסיטעטן: בונטעוועט זיך גארקי מיט דער גאנצער וועלט, ער חנפעט ניט קיינעם, ער לויבט ניט קיינעם, זיינע העלדן זענען האלב נאקעטע, באדעקטע מיט שמאטעס, מיט צעפוילטע ווונדען, מיט שמוץ, ער אנטפלעקט דעם אמת און רייסט אראפּ די מאסקע פון דער ציוויליזאציע מיט אירע סודותדיגע קראנקייטן, ער איז ניט שאבלאנארטיג ווי די שרייבער פון זיין צייט, ער האט זיין אייגענע וועלט אנשויונג מיט א זער ארגינעלען בליק אויפן לעבן מאדערנעם מענש, דערפאר האבן אלע מענשן אים ליב צו לעזן.

אין אלע גארקיס ווערק זעט מע פראטאטיפן פון גארקיס לעבן דער היימלאזער, שמוציקער, בארוויסער, הונגעריקער, זייער לעבן לעבן זיי אין אויסגעלאסענע הייזער, אין גריבער, אויפן פרייען פעלד, אין וואלד, אויפן ברעג ים, איבער די ברייטע ווייטע רוסישע סטעפּעס און אין זיי ברויזט א ווילן צו לעבן און ניט צו א לעבן ווי דער כלל וויל, ער לעבט מיט זיין אייגענעם ווילן, די מענשן וואס טראגן שטיול זענען מענשן פון אורדנונג פון דער רעגירונג די בארוויסע אבער זענען מענשן מיט טאט, די מענשן מיט די שטיול האבן א בארוף, זיי האבן אבער ניט קיין מוטה און כח צו טון עפּעס גוטס דערהויבענעס... דער בארוועסער איז פול מיט קראפט, טאלאנט, הארציקייט, אויב די ציוויליזאציע באמערקט דאס אלעם ניט, איז שולדיג אין דעם ניט דער בארוויסער אפּגעריסענער מענש, נאר דער מענש מיט די שטיול, בייגארקי איז דא א העלד הייסט ער יעמעליאן פיליאי, גארקי שילדערט אים ווי ער ליגט אויפן זאמד מיט די פיס צום ים, מיטן קאפּ צו דער גרויסער פרייער סטעפּע, מיטן רוקן צו דער זון, די כוואליעס פונעם ים וואשן און קייקלען זיך איבער זיינע בארוועסע שמוציקע מים, די ווארעמע זון באקלייעט זיין גאנצן קערפּער, דער ווינד זינגט אים א ליד, ער שעלט די שלעכטע געזעלשאפט, לאכט זיך אויס פון זייער יושר און ניט גערעכטיקייט אין זייער משפּט איבערן מענש און אט דער בראדיאגא, דער שמוציגער בארוויסער מענש האט דאך א נשמה, און איבערשטייגט מיט אסך שטאפּלען דעם מענש מיט די שטיוול...

אט זעט מע גארקיס מאכט אין זיין ארגינעלקייט, אונאפּהענגיקייט, א גאון זאגט וואס ער זעט און וואס ער ווייסט, גארקי איז א חוץ שרייבער א גרויסער לערער ער האט שטודירט דאס לעבן איבער די סטעפּעם, איבער ימים, ער האט איינזיך די קראפט פון די סטעפּעס און די ימים, טשעכאוו שילדערט זיינע

העלד אונמאכט, טאלסטאי, דאסטאיעווסקי, טורגעניעוו, האבן געשילדערט מענשן מיט שטיוול און קאלאשן, ראסקאלניקאוו און קארמאזאוו טראגן שטיוול, ווי קראנק זענען זיי? טורגעניעווס רודין האט פאנטאזיע, איז אייביק ראמאנטיש, גארקי פאעטיזירט די קראפט פון זיינע העלדן, אט די קראפט זיגט אין לעבן, די מענשן וואס גארקי רופט זיי „געוועזענע" מיט בארוועסע פיס, אפגעריסענע אפגעשליסענע, האבן געקעמפט געגען דעם טיראנישן צאר, די מענשן פון גארקיס ביכער האבן געזיגט און אויסגעקעמפט די רוסישע רעוואלוציע פון יאר ניינצן הונדערט און זיבעצן.

## מאיר באגדאנסקי

# 25 יאר נאכן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

גאנצע 25 יאר זיינען שוין פארביי זינט דעם אויפשטאנד און ווארשעווער געטא. אבער די וווּנדן אין אונזערע הערצער זיינען נאך אלץ אפן און וועלן מיסטאמע קיינמאל זיך נישט פארהיילן. איז דען מעגלעך, ווען מען אמפּוטירט ביי א מענטש א גליד אז ער זאל פארגעסן אז ער האט אים אמאל געהאט? — בפרט ווען דער גליד פעלט אים שטענדיק? פערזענלעך איז יעדער פון אונז געווארן פאראבלט דורך דעם פארלוסט פון אלע משפחה מענטשן און פון אלע פריינט — און יעדער איז געבליבן עלנד ווי פון א שטיין ארויס. און כאטש נעם און טו זיך א מעשה אפּ — שטייען זיי אלע שטענדיק פאר די אויגן, סיי ווען מען לייגט זיך שלאפן און סיי ווען מען שטייט אויף פון שלאף. און אז קיינער פון אונז ווייסט נישט די דאטע פון דעם אומקום פון יעדן פון זיי — און ווייסט, דעריבער, נישט ווען אנצוצינדן א יארצייט ליכט — איז דער טאג און וועלכן מיר פייערן דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא געווארן די סימבאלישע יארצייט פון אלע אויפשטאנדן אין אלע געטאס און אין אלע קאנצענטראציע לאגערן (ווייל אחוץ און ווארשע זיינען אויך פארגעקומען אויפשטאנדן אין אסאך אנדערע געטאס און אין אסאך קאנצענטראציע לאגערן) —און אויך פון די יידישע פארטיזאנער, וועלכע האבן געקעמפט אויסער די געטאס, סיי אין באזונדערע יידישע פארטיזאנער גרופן און סיי אלס מיטגלידער פון נישט יידישע פארטיזאנער גרופן. און דערדאזיקער טאג איז אויך די סימבאלישע יארצייט פון די אומגעקומענע 6 מיליאן יידן, פרויען און מענער — צווישן זיי א גאנצער מיליאן קינדער — אונזערע טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער, אונזערע פרויען, מענער און קינדער.

און כאטש, ווי שוין געזאגט, דער טרויער בלייבט אלץ אין אונזערע הערצער, קומען מיר זיך צונויף נישט נאר כדי צו טרויערן — נור כדי צו ערן. באערן די, וועלכע האבן זיך אקייגנגעשטעלט די ווילדע אוממענטשן וואס האבן אדורכגעפירט די אלע מוראדיקע פייניקונגען אירער זיי. און אין דעם זין זיינען אלע יידן און די געטאס געוועזן קעמפער. סיי די קינדער, וועלכע האבן איינגעשטעלט



זייער לעבן ארויס גנבהנענדיק זיך פון די געטאס כדי צו שאפן עפעס צו עסן פאר דער גאנצער משפחה, סיי די אלע, וועלכע האבן איינגעשטעלט די פארשידענע הילף אינסטיטוציעס, סיי די וועלכע האבן איינגעשטעלט געהיימע שולן פאר די קינדער (אויך פאר דעם האט מען באקומען טויט־שטארף), אפגערעדט שוין פון די, וועלכע האבן זיך אקייגנגעשטעטל מיט געווער אין האנט.

דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווען דער ערשטער און, כמעט איינציקער, אפענער באוואפנטער ווידערשטאנד וועלכע איז געגעבן געווארן די דייטשן אחוץ די פאלאקן, וועלכע האבן בלויז אין ווארשע, אן ערך 15 חדשים שפעטער, געמאכט אן אויפשטאנד, האט קיין שום פאלק אין קיין שום לאנד אונטער דייטשער אקופּאציע נישט געמאכט קיין אויפשטאנד.

אבער אונזער אויפגאבע דא־אחוץ טרויערן און באערן די קדושים — איז נישט צו דערלאזן צום פארגעסן וועגן אט דעם בלוטיקן פעריאד און דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. צו דער קאמפּאניע פון פארשוויגן די העלדנטאטן פון די אויפשטענדלער אין די געטאס איז לעצטנס צוגעקומען א קאמפאניע פון פארלייקענונג. מיט א יאר צוריק האט דער פוילישער פרעמיער מיניסטער ציראנקעוויטש געמאכט א רושם אין דער וועלט דערמיט וואס בעת אן אנדענק פייערונג אינעם געוועזענעם קאנצענטראציע לאגער פון אוישוויץ האט ער אויסגערעכנט עטלעכע צענטליק פעלקער פון וועגן מענטשן זיינען אומגעקומען און דעמדאזיקן לאגער. בלויז איין איינציק פאלק האט ער דאמלט נישט דערמאנט — דאס יידישע פאלק — כאטש אין אוישוויץ זיינען אומגעקומען 2 מיילאן יידן. מאנכע האבן געמיינט — עפשר האט ער געמאכט א טעות... אבער א מיניסטער מאכט נישט קיין טעות, ווען ער האלט א רעדע. ווען א מיניסטער האלט א רעדע איז יעדעס ווארט געוויגן און געמאסטן... ציראנקעוויטש האט קיין טעות נישט געמאכט. ער האט בכּון נישט דערמאנט די יידן! און אין פארלויף פונעם לעצטן יאר איז מען שוין אין פוילן געגאנגען א היבש ביסל ווייטער. און א בוך־ארויסגעגעבן אין פוילן דורכן אפיציעלן דאקומענטאציע צענטער, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן דער צייט פון דער היטלער אקופּאציע, ווערט שוין דער נאמען „יידן" אינגאנצן נישט דערמאנט. ווי עס וואלטן קיין יידן דארט קיינמאל נישט געווען. און לויט דעמזעלבן דאקומענטאציע צענטער האבן דעם אויפשטאנד און ווארשעווער געטא אדורכגעפירט, גאר, פאלאקן, וועלכע זיינען ספּעציעל פאר דעם צוועק ארייננגעשיקט געווארן אין געטא — און יידן האבן די פאלאקן בלויז צוגעהאלפן.

אויך אינעם יידישן לאגער גייט אן אן אקציע פון פארלייקענען פאקטן. יארן לאנג האט מען פארשוויגן די העלדישקייטן און מסירות נפש פון די העלדן. מען האט כסדר זיי דערנידרוקט און געשריגן אז די יידן אין די געטאס האב קיין שום ווידערשטאנד נישט געשטעלט; אז זיי האבן זיך געלאזט פירן צו דער שחיטה ווי לעמעלעך. ביז מען האט איינגעזען אז דאס האט געהאט פאטאלע פאלגן פאר דער יידישער יוגנט וואס איז זינט דאן אויסגעוואקסן.

פרווט מען איד איינריידן דער וועלט, אז דאס האבן בלויז די ציוניסטישע ארגאניזאציעס אדורכגעפירט דעם אויפשלאנד. ווי דער „בונד" וואלט דארט לגמרי נישט עגזיסטירט. אודא איז דער אויפשטאנד — אין ווארשעווער געטא ספעציעל — אדורכגעפורט געווארן אונטער א קאארדינירטער אנפירונג, וועלכער עס זיינען געווען אונטערגעארדנט אלע קאמפס־גרופן, פון אלע פארטייען. אבער ווען עמעצער פרווט זאגן אז בלויז די ציוניסטן האבן ארגאניזערט קאמפס גרופן — איז ער א ליגנער. און מען מוז אים דערמאנען אז דעם רוקנריין פונעם אויפשטאנד האט געבילדעט דער „בונד". אבער די קעמפער און געטא — הגם זיי זיינען געווען פון פארשידענע אידעאישע ריכטונגען — האבן געקעמפט ווי איין געשאלסענע מחנה, און נאר ווי איין מחנה מוז מען זיי דערמאנען, אויב מען וויל באמת ווירדיק ערן זייער אנדענק. ווען דער אויפשטאנד איז אויסגעבראכן האבן זיי ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו דער וועלט אין וועלכן זיי האבן געזאגט אז דער קאמף איז פאר „אייער און אונזער פרייהייט".

און דער ציל פון אונזער פייערונג דא איז נישט בלויז צו רומען די קעמפער און טרויערן נאך די 6 מיליאן אונזערע קדושים; דער ציל איז צו דערמאנען, זיך אליין און דער וועלט — צו וואס פארא תהום זי קען זיך דערקייקלען ווען מען לאזט זיך באהערשן פון וואנזיניקער שנאה. נישט בלויז האבן די דייטשן געמארדעט, אויפן שוידערלעכסטן אופן, אומשולדיקע מיליאנען מענטשן — נאר די ארומיקע וועלט האט נישט געוואלט גלויבן דעם ווי געשריי פון די קרבנות און נישט געטון גארנישט כדי זיי צו ראטעווען.

דער קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער איז ספעציעל ארויסגעשיקט געווארן פון ווארשעווער געטא קיין לאנדאן און וועלכער האט אלארמירט די וועלט און אלע מלוכה מענער וועגן די מעשים תתועים פון די דייטשן, האט אנגעטראפן אויף טויבע אויערן און אויף א הארטער וואנט פון אומגלויבן. און לסוף האט ער זיין אייגענעם קאפ צעשמעטערט אן דער וואנט — האפנדיק אז מקריב זייענדיק זיין אייגן לעבן, וועט ער דערמיט כאטש אויפרודערן די וועלט. אבער די וועלט איז אלץ געבליבן אומגלויביק און טויב.

היינט, שוין א גאנץ פערטל יארהונדערט נאכן אויפשטאנד און ווארשעווער געטא איז די וועלט נאך אלץ פול מיט רשעות. נישט ווייניקער ווי צען פראצענט וויילער אין דייטשלאנד שטומען ביי וואלן פאר די, אזוי גערופענע, „נעאציס". צען פראצענט? — אבער אין צאלן איז דאס אן ארמיי פון מיליאנען דייטשן, וועלכע זיינען גרייט איבערצוחזרן די זעלבע מעשים תעתועים — אויב מען זאל זיי נאר געבן א געלעגנהייט דערצו.

דא און ענגלאנד זיינען מיר עדות אין די לעצטע עטלעכע טעג פון א דערשיינונג וואס מאכט געגליווערט דאס בלוט און וואס פארטרייבט פשוט דעם שלאף ביינאכט. מיר האבן געזען ווי ארבעטער, אין די טויזנטער, האבן געווארפן די ארבעט און ארויס אין א שטרייך געגן א געזעץ צו מאכן ראסן דיסקרימינאציע — אויף אלע געביטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן — אומגעזעצלעך און שטראפבאר, וועלכעס די לייבאר רעגירונג האט אריינגעטראגן און פארלאמענט. מכלמרשט זיינען דידאזיקע דעמאנסטראנטן „בלויז" געגן קאלירטע איינוווינער. אבער מיר האבן געזען צו וואס פארא אכזריות דידאזיקע ראסיסטן קענען דערגיין. דארטן ווו מען טאלערירט נישט קיין מינדערהייטן ווערן אויך יידן נישט טאלערירט. איז עס אונזער חובצו דערמאנען דער וועלט וועגן אונזערע 6 מיליאן קדושים און דערמיט אויפרודערן דאס געוויסן פון דער מענטשהייט און באווירקן זי נישט צו דערלאזן צו אן איבער חזרונג פון ענלעכע אכזריותן.

די וועלט איז בלויז איינע! און זי איז געגעבן געווארן צו אלע מענטשן! און אלע מענטשן האבן די זעלבע רעכט צו לעבן אויף זייער אייגנארטיקן שטייגער! נאציאנאלע און עטנישע אייגנארטיקייט איז נישט נאר קיין חסרון — נור פונקט פארקערט — א גרויסע מעלה, א פאזיטיווער פאקט. דאס קעגנזייטיקע באווירקן זיך פון די פארשידענע נאכציאנאליטעטן באררייכערט בלויז אלעמען — און אלע הונזיכטן. אבער כדי זיך צו קענען באווירקן מוז מען זיך צוערשט געגנזייטיק לאלערירן.

וועלן מיר באווייזן צו באווירקן די וועלט אין דער ריכטונג דאן וועלן מיר, לכל הפחות, געפונען א טרייסט צו אונזער צער. און כאטש דער פרייז פון זעקס מיליאן קדושים איז אן אומגעהויער גרויסער — וועט זייער אומקום כאטש האבן געווען נישט אומזיסט. און אויך מיר יידן וועלן דאן האבן א געזיכערטע עגזיסטענץ. דאס וועט זיין דער שענסטער און ווירדיקסטער אויפן פון ערן זייער אנדענק.

סעם לעף

## שמואל זיגלבוים (אן אויסצוג פון א רעדע)

ש. זיגלבוים האט געלעבט אין לאנדאן פון פרילינג, 1942, ביז פרילינג, 1943. פארטרעטנדיק דעם „בונד" אין פוילישן גלות־פארלאמענט, וואו ער האט געפאדערט מעשים אין שייכות מיט די שחיטות אויף יידן אין פוילן אונטער דער דייטשער אקופאציע. ער האט אויך געוועקט די ענגלישע עפנטלעכקייט, אז מען זאל לאזן וויסן די וועלט די אכזריות, מיט וועלכער דייטשן באהאנדלען יידן.

אין א בריוו צום „בונד" אין אמעריקע, דעם 30סטן אפריל, 1943, דערציילט זיגלבוים וועגן א דעפעשע, וואס ער האט באקומען, וועגן דעם סוף צו אלעם. „עס איז דאך נישט מעגלעך צו ארבעטן, צו לעבן מיט אט דעם באוואוסטזיין", דערקלערט ער.

„שטעלט אייך פאר דאס גרויזאמע פארברעכן פון א פלאנמעסיק אויסמארדן א גאנץ פאלק, מאסן־קברים, אין וועלכע טויזנטער יידישע קינדער, פרויען און זקנים ווערן אריינגעשליידערט יעדן טאג!" מיט אט די ווערטער האט זיגלבוים ווי דער פארמיטלער פון יידישן וויי־געשריי גערעדט אויפן ענגלישן ראדיא דעם 2טן יולי, 1942. „דאס זענען ברענענדיקע וואונדן, וואס יעדער איינער מוז עמפינדן!" האט זיגלבוים אויסגערופן אויף א פארזאמלונג אין לאנדאן, און אונטערגעשטראכן, אז אויב דאס פוילישע יידנטום מוז אונטערגיין, „האב איך אויך נישט קיין רעכט צו בלייבן לעבן!"

יאן קארסקי, שליח פון דער פוילישער אונטערערד־באוועגונג, האט איבערגעגעבן דעם פאלגנדיקן פארלאנג פון אונזערע יידישע חברים דארטן.

אין משך פון א יאר צייט האט ש. זיגלבוים אויספרובירט אלע אופנים צו געפינען א רעטונג און געקומען צום אויספיר, אז אפשר ווען ער וועט זיך

אליין דאס לעבן נעמען וועט עס אויפטרייסלען דאס געוויסן פון דער וועלט לגבי זיין פאלק. חבר ארטור, דער קראסנאסטאווער ארבעטער און שליח־ציבור פון פוילישן יידנטום, איז געוועז גאנץ גרייט אויסצופירן אט דעם מאראלישן אימפעראטיוו און אין דער נאכט פון 11טן צום 12סטן מאי, 1943, האט ער זיך אליין געברענגט פאר א קרבן — דעם גרעסטן קרבן, צום וועלכן א מענטש קען דערגרייכן!

וויפל מוט, וויפל גלויבן, וויפל העלדישקייט מוז דאס איינער האבן, כדי צו קענען פארענדיקן זיין אייגן לעבן אלס אויסדרוק פון אט אזא פראטעסט? נישט זייענדיק דערצו געצוואונגען מצד שונאים און נישט וויסנדיק צי זיין אקט פון זעלבסטאויפאפערונג וועט ברענגען דעם געוואונטשטן רעזולטאט, האט ער אים דאך אויסגעפירט!

דעריבער וועט דער נאמען שמואל זיגלבוים תמיד דערמאנט ווערן מיט יראת־הכבוד כל־זמן עס וועט עקזיסטירן דאס יידישע פאלק, פאר וועמעס ווירדע און עקזיסטענץ ער האט זיך מקריב געווען. אזוי ארום האט דער חבר ארטור דערגרייכט צו הויכקייט — אויב נישט נאך העכער!

עלע זילבערג

## וואס גענוג איז גענוג

וואס גענוג איז גענוג,
און גענוג איז ניט מער,
פארשפענדט אלע כוחות.
אויסגעוויינט יעדן טרער.
און יארן, און יארן,
געפייניגט געפלאגט,
אן א היים, אן א לאנד,
ווי די חיות געיאגט.

איז גענוג שוין גענוג,
געקומען דער סוף,
צו לאנג האט געדויערט,
דער פארמאטערטער שלאף,
אצינד מיר זיינען וואך,
א צינד מיר קומען צו גיין,
און ווילן פאר אויביג,
שוין בלייבן דא שטיין.

זאל זיין גענוג, און גענוג,
שוין פארגאסן דאס בלוט,
פון אומשולדיגע קינדער
פון מענער מיט מוט,

יעדן טריט פון דער ערד,
מיט קרבנות באלייגט.
יעדן בוימל און גראז,
מיט שווייסן פארווייקט.

און אלץ ניט גענוג,
און אלץ איר ווילט מער,
ווי פון הונגריקע חיות,
איז גרויס דער באגער,
טא ווייסט און פארשטיילט.
עס איז מער ניט קיין שפאס,
מיר מיינען צו קעמפען,
אין שטוב און אין גאס.

ביז אונזערס ווערט בלייבן,
וואס אונז נאר געהערט,
צו לעבן אין שלום,
פון פיינט אומגעשטערט.
וואס גענוג איז גענוג,
מיר האבן דעם מוט,
ישראל בלייבט אונזערס,
כל זמן עס רינט אונזער בלוט.

## יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת, דעם 1שטן יוני — ערב שבועות, א שבועות פראגראם. עס באטייליקן זיך יעקב ריכטיגער ה. נ. בענקוויטש, מאיר באגדאנסקי און נעט רובין.

שבת, דעם 8טן — סעם לעוו, די ראסן־פראגע דיסקוסיע אין ענגלישן

שבת, דעם 15טן — גארקיס 100סטער געבוירן יאר רעדנער משה דאמב. פארלאמענט.

שבת, דעם 22סטן — עלע זילבערג וועט לייענען אירע ישראל לידער.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 439) ניין און צוואנציקסטן יאר יולי 1968 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

די עיר עתיקה — ירושלים, אין די בין המצרים טעג (צייט־לידער) ...... ** 1

ביאליקס אידיי וועג קולטור (עסיי) ........ יעקב ריכטיגער 10

אותיות (פאעמע) ........ יוסף לעפטוויטש 15

דויד מיכאלעווסקי און יודל ראדאנסקי (טיפן פון אלטן ווייטשעפל) ה. נ. בענקוויטש 16

זאג דאס דו בענקסט (ליד) ........ עלע זילבערג 18

האס (ליד) ........ שמואל וההייט 18

עלזע לאסקער־שילער (פראזא), אין דער אוגערקע צייט, שקיעה־שעה, א ווארט פון קאצקער מכוח אלטער (לידער) ........ א. נ. שטענצל 19

„די יידן פון מדינת עסטרייך" (רעצענזיע) ........ שמואל פידערער 29

דער פרעמדער, שכורט אייך אן ........ שארל באדלעיר 34

לאנדאן קולטור ידיעות

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Street, London, E.1*